STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05489

DER ROYTER FODIM

Ephraim Auerbach

Permanent preservation of this book was made possible
by Daniel & Shirlee Freed
in memory of
their parents, Joseph & Esther Freed and Herman & Bessie Blum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים אויערבאַך

דער רויטער פּאָרים

פארלאג „אויפקום"
ניו יאָרק

Copyright
by
E. Auerbach,
May, 1927.

פינסקי-מזל פרעס
84 בויערי, ניו יארק

חנה'ן אַ מתנה

דער רויטער פּאָדים

מיין עלטער זיידע ז״ל,
דער ערשטער בעלצער שוחט,
האָט נאָך פאַרכאַפּט דעם טערק,
נאָך וועמען ס'איז בא אונז געבליבן
האַלב־קיילעכיקע מויערן,
אין דרערד פאַרזונקענע,
מיט פענצטערלאַך פאַרשפּיצטע
און זיבנקאַנטיקע קאַרניזן.
אַרומער פינעף טרעפּלאַך
און איבער דיר אַ יאַרמעלקע
מיט שויבן פאַרביקע,
וואו ס'שפּילט די זון זיך מיט קאָלירן.

דער טערק האָט אויך געלאָזט
אַ טורמע וואָס ישראל האָז
האַלט איצטער דאָרטן וואָל
און וווייץ און גערשטן און פּאַפּשויעס.
און אז סע קומט אַ חתונה אין בעלץ,
פאַרדינגט ער זי צום טאַנצן,
אַכצן פּאָרלאַך אין דער לייננ,
און ס'בלייבט נאָך פּלאַץ גענוג

צו שטעלן טישן פאַר דער „וועטשערע"
און אויך פאַר בעל הבתים
צו שמועסן פון דער פאַרשייטער יונגוואַרג.

נאָר אונטן איז אַ לאַבירינט
פון שטיינערדיקע קעמערלאַך,
מיט טיש און ביינק פון גרויע שטיינער,
מיט מורא אויסגעפינצטערטער
אין שאַרפע שפּיצן פון די ווענט.
אין בלינדקייט זענען מענטשן
דאָרטן אויסגעגאַנגען.
און אויבן שפּילט ירוחם קלעזמער
פאַר אכצן פּאָרלאַך אין דער לייגג
אַ קאַדריל.

דער זיידע ז"ל האָט די חזקה
מיט נחת רוח אָפּגע'ירשנ'ט —
אַ תמימות'דיקער ייד געווען,
געגאַנגען אין די דרכים פון די אבות.
דער טאַטע שוחט,
ער שוחט.
אַ רינגעלע אין דער שלשלת.
און אָפּגעהוסט האָט ער דאָס לעבן,
און אַ הוסט האָט אין קבר אים געטריבן...

געבליבן איז מיין טאַטע אַ בן־יחיד,
דער יורש פון דער שוחט'ישער חזקה —
אַ יאָך אף זיינע ברייטע פּלייצעס.
אין קאָפּעסט באַ די שניאורסאָנס,

די אייניקלאָך פון בעל התניא
און מענדעלע ליובאַוויטשער,
האָט ער געלערנט שחיטה,
נאָר שחיטה איז אַ יאָך אַ שווערער
פאַר שוואַרצע, גוטע אויגן
מיט שטענדיקע ברעמען איבער זיי,
פאַר אַ זינגענדיקער פריילאַכער נשמה,
וואָס גייט אויס אין בייגקן נאָך אַ וואַלאַך.
די באָבע אסתר־לאה האָט אויסגעוויינט די אויגן:
אין פרעמדע הענט די שוחט'שע חזקה
פון ערשטן בעלצער שוחט,
אַז וואָס האָט זי דערלעבט אַזאַ ירידה.
דעם זיידנס און דעם עלטער־זיידנס קברים
האָט זי געריסן מיט יללות:
מיט זיך דאָרט אַף יענער וועלט
באַ אַלע אבות, קומט פאַר רש"י'ן,
אייער עלטער־עלטער־זיידן,
אַז די מחשבות זרות פון אלעזר'ס קאָפּ
אַף וויסטע פעלדער, פוסטע וועלדער
זאָלן צעשפּרייט ווערן
און ער, אַ ריינער און געלייטערטער,
זאָל איבערנעמען די חזקה
און ווייטער שפּינען דעם רויטן פאָדים.

שטאָט האָט זיך אַריינגעלייגט,
קרובים אַזש פון קעשענעוו געקומען:
מ'איז גוזר אַף דיר, אלעזר ברב חיים־שמואל,
דו זאָלסט די אבות נישט פאַרשעמען.

דער טאַטע איז געוואָרן שוחט.

מיט שוואַרצע, גוטע אויגן,
מיט שאָטנדיקע ברעמען איבער זיי,
מיט אַ זינגענדיקער, פריילאַכער נשמה,
וואָס גייט אויס אין בייַנקען נאָך אַ וואַלד.

און אַז ישראל האָט האָט זיך דאָס צווייטע ווייַב גענומען,
האָט זי נאָר טייבעלאַך געוואָלט פאַר יאַיכלאַך
(אויבן טאַנצן אַכצן פאָרלאַך אין דער לייַנג
און אונטן אין אַ לאַבירינט פון קעמערלאַך
מיט שרעק פאַרגליווערטער אַף ווענט).

האָט דער טאַטע ווייסע טייבעלאַך געקוילעט,
קלאָרע, לויטערע, מיט אויסגעשטרעקטע העלדזלאַך,
אַמאָל זיי נישט דערקוילעט און מיט די פינגער
אין הייסן בלוט זיך איינגעגראָבן
און די גערגעלאַך צעריסן.

ווייסע, כשר'ע טייבעלאַך.

ישראל האָז'ס ווייב איז אַ שטיק געזונט צוגעקומען
פונם זיסן פלייש, פון די ווייכעביינדעלאַך,
אַ דריטער גווידער האָט זיך שוין געוויגט באַ איר,
פאַרשטעלנדיק דעם אויסגעקאַרבטן האַלדז.
דער טאַטע מייַנער האָט ווייסע טייבעלאַך געקוילעט
און זייַנע אויגן זענען פינצטערער געוואָרן,
בייזער, שטעכיקער, —
אַך, מייַן טאַטנ'ס שוואַרצע, גוטע אויגן.

און איך, אפרים בן אלעזר,
איך הער באַנאַכט ווי אָקסן רעוועַן,
ווען ס'פּלייצט דאָס בלוט פון זייערע העלדזער,
איך זע די שטומע אויגן מיט שרעק פאַרגליווערטער
אין שוואַרצע פינטעלאַך.
שטרעקן ווייסע טייבעלאַך די העלדזלאַך,
איך קוילע זיי.

מיינע ווייסע טייבעלאַך,
אין בלוט פון אייגן האַרץ דערטרונקענע
דער רויטער פּאַרדים שפּינט זיך ווייטער.

אויבן טאַנצן אַכצן פּאַרלאַך אין דער לייגנ
און אונטן איז אַ לאַבירינט פון קעמערלאַך
מיט שרעק פאַרגליווערטער אַף ווענט.

אַ פריילאַך לעבן

אַז אַלע וואַרטן איך זאָל זיי באַשרייבן
און גרויסן זיי און לויבן, —
אודאי איז מיר פריילאַך.
איך עפן אויף מיין זאַק
און שיט מיט שטויב מיט גילדערנעם
אַף אַלע קעפּ וואָס דאַרפן גאָלד.
מיט כישוף שמיד איך קרוינען דימענטענע
און קרוין מיט זיי די הונגעריקע קעפּ.
אַ מענטשאַלע אַף פּיס געליימטע דערהויבן איבער אַלע,
אַ זון אַרויפגעזעצט אים אַפן פּוסטן קאָפּ.
אַ שמייכל אַף די טעמפּע ליפּן.
און פריילאַך איז מיר — מיין באַשאַף,
די קעפּ די קליגסטע בייגן זיך פאַר אים.
באַנקעטן. פיש און הון און אַלערליי מאכלים,
צעזעצט צו ווערן עסנדיק.
ציגאַרן גיט מען מיר קאָראָנעס
וואָס זייער בלויער, וואוילשמעקעדיקער רויך
דאַרף קיצלען די צעפּלעטשטע נאָז
פון בודאַ׳ס געטשקע אַף מיין טיש.
און בלאָנד איז די סטענאָגראַפיסטקע.
איר בלאָנדער שמייכל ליכטיקט מיין געזיכט
ווען, איבערבייגנדיק איר כוואַליענדיקן קאָפּ,
דערלאַנגט זי מיר „אַדוועגסד קאָפּי".
נאָר אַז די טעקסי יאָגט צוריק
אַף גאַסן ליידיקע, האַלב־נאַכטיקע,
יאָגט נאָך דאָס מענטשאַלע אַף די געליימטע פּיס
און וואַרפט מיר נאָך דעם טעמפּן שמייכל.

נייעס

אין מיינע פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט,
איך בין אַ נעץ פון דראָטן
אַ פּולס פון טויזנט פּולסן,
אַ סעיסמאָגראַף פון וועלט'ס געלאַף.
אין מזרח־לאַנד גייט אויף אין מיר די זון,
אין מערב־לאַנד פאַרגייט אין מיר די זון,
מאַראָקאָ שטורעמט מיינע פעסטונגען,
אָן אוראַגאַן מאַכט חרוב מיינע תבואה'דיקע פעלדער,
אַף ברום סטריט פאַרגיי איך אין פלאַמען,
דער שוואַרצער האָרסאַן שלעפּט מיך צו זיין גרונט,
די וועלט צינד איך אין פייער פון מרידה,
מיט ברוסטן נאַקעטע, צעוואונדיקטע,
מיט אויגן הונגעריקע, פויסטן פלאַמיקע
אַף זאַטע וועלטן גיי איך, —
אין מיינע פיבערדיקע פינגער צאַפּלט זיך די וועלט
און איך אין איר — אַ פינצטער משוגעת.

פּאַפּירן שטויביקע און פּנים'ער פאַרייבערטע,
מאַשינען — קלאַפּנדיקע הערצער,
דערוואָרגענע געדאַנקען אַף פּלייצעס פרעגנדיקע,
טייוואָלעמלאַך אין אויגן מידיקע
און פינגער שפּרינגען ווי אַף דראָטעלאַך.
דער בלייענער מחבל אויבן

דערשלינגט די אותיות אין ברענענדיקן בויך
און שפייט זיי אוים אין שורות, שורות,
דער מולך פון געפילן ווערט נישט זאַט,
ער וועט מיך אויך פאַרשלינגען
און אויסשפייען אין שורות בלייענע.

די וועלט אין מיינע פינגער
און איך אין זודיקן בויך פון זעץ־מאַשין.

האָט אָפּגעשטעלט די וועלט זיך פּלוצלונג
און מיינע פינגער בלייבן רוען
אַף קלאַפּערלאַך פון שרייב־מאַשין,
צעוואָרפענע, פאַרגליווערטע.
דער קאָפּ זינקט בלייאיק אַפּן דעסק,
די דראָטן־נעץ ווערט פליגלען שטעכיקע,
וואָס שפּרייטן זיך אַף מיר מיט בלינדער רואיקייט,
מט קאַלטע, דריבנע שפּילקעלאַך, —
און מולך אויבן רייסט אין זיך דעם בויך.
זיין צאָרן זעצט אַרוים מיט גרויען רויך,
דער הונגער קרעמפּט אים די געדערים,
פון זיינע אויגן קריכן רויטע ווערים —
און מיינע פינגער
אַף קלאַפּערלאַך פון שרייב־מאַשין,
צעשפּרייטע און פאַרגליווערטע.

צום שטול פון טויט

מען פירט זיי היינט צום שטול פון טויט.
נאָך האַלבער נאַכט.
דורך וויסטע קאָרידאָרן,
וואו ס׳חלש׳ן די שאָטנס פון אָפּגעהאַקטע יאָרן.
דער וועג איז נאָר אַהין. דער לעצטער וועג.
צוריק — אַ קוק אַ גסיסה׳דיקער.

צוויי ברידער היינט צום שטול פון טויט.
די באַערי פאַרשלינגט דעם לעצטן טרעמפּ,
וואָס שלעפּט אין זיינע וואַקלענדיקע טריט
זיין גורל צו דער נאַכט פאַרשטיינערטער.
אין פענצטער קוקט אריין די שטאָט
מיט אויסגעהוילטע בלינדע אויגן.
דער נייעס־קלאַפּער איז נערוועז.
געציילטע זענען די מינוטן.
ער קלאַפּט דעם פּולס פון זיי
וואָס גייען איצט צום שטול פון טויט .

די פינגער מיינע טאַנצן אויף די קלאַפּערלאַך
פון שרייב־מאַשין מיט אויפגערייצטער פרייד.
איך שרייב : דער שטראָם האָט אין די אָדערן

אריינגעגאָסן זיי דעם טויט.
און יעדער אבר מיינער ציטערט,
דערגרייכנדיק דעם קרענקלאַכן עקסטאַז
פון האַלטן צאַפּלענדיקע לעבנס אין די הענט
און אונטערברייינגען זיי.
איך שאַף דעם טויט.
די אותיות פאַרברענען דאָס פּאַפּיר.
דער שטראָם עלעקטרישער
פון מיינע פינגער שפּריצט אַרויס.
דער לעצטער קלאַפּ. זיי זיינען אויסגעגאַנגען
אין מיינע פינגער.
דאָס האַרץ איז אויסגעליידיקט.
איך שלעפּ זיך אף דער באַערי
אין שאָטן פון די וואַקלענדיקע טריט
פון לעצטן טרעמפּ.

פרויקע לאָזער שוחטם

ז ש י אַ נ ע

פרויקע לאָזער שוחטם האָט געטרונקען
פינע־מילך פון זשיאַנעס אייטער
און די פרייד אין זיינע אָדערן
האָט געשוימט ווי וויין,
שפּילעוודיקער, רויטער שוים.

ווען ס'איז פרויקע נאָך געווען אַ צניפּל
און געלערנט בא ישראל ווערטוזשענער
(בייזע ברעמען איבער גוטע אויגן
און אַ קנייטשעלע פון חכמה אין צווישנברעם),
האָט ער שוין פון האַלב־פאַרמאַכטע אויגן
הימל שטיקערווייס געזען,
בלויע רעדער האָבן זיך געדרייט
און מיט זיי, אַף זיי
פרויקע לאָזער שוחטם.

פרויקעס ערשטע ליבע —
רויטע פלעקן אַף אַ קעלבעלע,
ווייכע הערנערלאַך ווי שפּראָצן
אַף אַ פרילינגדיקן בוים.

ס'קעלבעלע שטויבט אויף די לאָנקע,
פון די פיסלאַך שפּריצן פונקען פרייד,
ס'עקעלע ארויף
צו דער זון.
ווילד געדרייי אַרום אַ שאָטן
און דער פרייד דער אייגענער.
פרויקע לאָזער שוחטס טאַנצט,
דאָס סטענדעלע אין דרויסן ווי אַן עקעלע
רייסט זיך צו דער זון ארויף.

פרויקע האָט געטראָגן טעג אף זיינע אַקסלען
ווי די סטעפּעס טראָגן ברויטן,
ווי די פלוימענביימער זונען.
ס'האָבן זיך געדרייט די טעג
אף אַ שטראַלנשטויביק ראָד.
ס'האָבן זיך געוויגט די נעכט
אף אַ הײנגענדיקן בריקל
פון דער אַלטער מיל
צו דעם שליאַך פון טויזנט ווינטן.
פרויקע לאָזער שוחטס האָט מגינים,
פּוסקים, יורה דעה, תוספות יום טוב
אויסגעזונגען מיטן הויך פון סטעפּ.
ס'האָבן זיך די פרעמדע ווערטער
פאַר די אויגן אים געליכטיקט,
ווייל די איינציקע געווען
און געביינקט האָט ער נאָך ווערטער
ווי אַ וואָרצל ביינקט נאָך רעגן,
ווי אַ יונגע זאַנג נאָך זון.

פרילינגן —
פאַר־פּסחן, נאָך־פּסחן, פאַר־שבועותן

האָבן זיך מיט לעמעלאַך געצויגן
איבער פעלדער ערשט צעאַקערטע,
ערשט־באַגרינטע,
ערשט־פאַרקלונגענע פון מע,
וואָס איז פרייד, געוויין,
שרעק פאַר לעבן,
שרעק פאַר טויט,
ערשטער גאַנג
און לעצטער גאַנג.

זומערן, —
פּאַסן פאַרביקע אויף סטעפּעס,
טעג מיט אָפּגעברענטע ברעגן,
נעכט וואָס שפּרינגען איבער בערג.
ברויטן — רויטע האָר
אויף דער ברוסט פון שוואַרצערד.
קאָסעס שניידן שטיקער זון.
זאַנגען פאַלן ווי די טויבן
און די וועגן שטויבן.
גאָט, גיב אַ רעגן
פון די שניטערס וועגן.

הערבסטן רויטע,
שטעלעכלאַך מיט טרויבן,
ביידעלאַך מיט קאַוואַנעס
און געזאַנג —
וואָלעכן ווי די ווידערקולן
פון געזונגען־שוין־געזונגען
נעכטן, פאַראַיאָרן,

איי‌ביק,
א־יי־ב־י־ק.

און זשיאָנע קומט פון טשערעדע
מיט דער פולער אייטער,
מיט די זאַטע אויגן,
מיט די שטילע הערנער.
שוימט די מילעך אין דער דאָיניצע,
בלעזלדיקע מילעך.
און אין פרויקע לאָזער שוחטס אָדערן
שוימט די פרייד.

דער ליטוועק

פרויקע לאָזער שוחטס ערשטער טרויער —
פון דער ליטע איז אַ ייִד געקומען
מיט אַ בערדל ווי אַן אָפּגעריבן בעזימל,
מיט אַ פּנים ווי אַן איינגעדאַרטע פעל
און מיט שאַרפע שטעכעדיקע אויגן.

ערב ווינטערדיקן זמן
שטעלט דער ייִד צענויף אַ חדר
נאָר פון קינדער באַלעבאַטישע
מיט גמרא־קעפּלאַך.
פרויקע לאָזער שוחטס לערנט שוין גמרא
און דער ליטוועק, סטייטש אַ ליטוועק,
מלא וגדש איז ער דאָך מיט תורה.
און דער אָסיען שווימט אין בלאָטע
מיט די שווערע הימלען קוויטיקע.
אָנגעדראָלעוועטע טעג
רוקן זיך אַף נאַסע בייכער.
חושכדיקע נעכט
קוקן מיט פאַרלאָפן־בלינדע אויגן.
און דער רבי אַרטשע קאָרטשעט זיך:
„סאָר סענאָגאַך”.
זיין גמרא־ניגון איז אַ טרויעריקער.

אַז ער טרינקט אַ גלעזל ווײַן,
ווערן אים די ליפּן בלוי
ווי אָדערן געשוואָלענע
און די אויגן שפּיזן גליעקע.
„פּלאַי־פּלאַים, ײַן־גפן״, —
און צעווײַנט זיך: „ײַן־גפן״,
„מאַמעס ווי אין כומעס״.
פֿרעמד איז פֿרויקען דער רעב אַרטשע,
ס׳איז זײַן טרויער נישט קיין סטעפּיקער,
נאָר אַ שטעכיקער,
פֿון אַן אָפּגעריבן בעזימל,
פֿרויקע פֿילט שוין אַז ס׳איז דאָ אַ גורל,
אַז פֿאַרבונדן איז רעב אַרטשע מיט אַ ליטוועטשקע
אין דער ווײַט,
און מיט זיבן ליטוועקלאַך.
גאָר אין אַנדער ווײַט, אַ פֿינצטערע
און די ווײַטן, פֿרויקעס ווײַטן
זײַנען ליכטיקע געווען.

בלוט־געשריי

אַז די קאַמער איז מיט בלוט באַשפּרענקעלט
ווי אַ פעלד מיט רויטן מאָן.
אַז צו ווענט פון דעמבע־קלעצער
האָבן פעדערן זיך צוגעקלעפּט,
געל־ווייס־שוואַרץ.
פעדערן פון הינער,
אַ קאָליר־געדריי
און אינמיטן —
לאָזער שוחטס קאָרטענע קאַפּאָטע,
רויט־געל־ווייס־רויט,
ווי דער באָבעס טערקישע פאַטשיילקע, —
וואָס אַ שטייגער אַרט עס פרויקען?
הינער פּאַטשן מיט די פליגלען,
טאַנצן אין דער קאַמער מיט אַ רויטן שטערמעלע,
מיט אַ זיידן שנירל פון די העלדזלאַך.
קעפּלאַך פאַלן.
פּסס.
איינגעשלאָפן ווי די גוטע קינדער.

אָבער אין אַ ווינטערדיקער נאַכט
האָט דערהערט דאָס בלוט־געשריי

פרויקע לאָזער שוחטס.
שניי.
שויבן מיט פארקרימטע הערנער.
צוויי באנאכט קלאפּט מען אין דער טיר.
בייזערט זיך דער ווינט,
רייסט ארויס דאָס קול בא יענעם,
אַנטלויפט מיט דעם און ברענגט צוריק.
לאָזער שוחט גיסט זיך אָפּ די נעגל:
א בהמה שעכטן.

צוויי באנאכט?
ענטפערט דאָס צוריקגעבראכטע קול:
מאָרגן וועט זי פאַלן.
און דער ווינט אַנטלויפט אָף סטעפּעס שנייאיקע
מיט א בייזער פרייד:
מאָרגן וועט זי פאַלן.
דורכן טיר־שפּאַלט בייטשט אריין אין שטוב:
מאָרגן וועט זי פאַלן.
און אָף פּרויקעס ווארימען געלעגער
קייקלט זיך דאָס פראָסט־געלעכטער:
מאָרגן וועט זי פאַלן.

געלער צירקל פון לאמטערנשיין
ווי א קריינדל פון לבנה
אפן שניי אין הויף.
די בהמה ברעכט די פיס אין גאנג.
פּרויקע לייכט פאר איר דעם לעצטן גאנג
מיט לאמטערן אין דער האנט
און מיט אָפּגעשטעלטן הארץ.
דרייט זיך ווינט ארום בהמה,

וויל פון לאָזער שוחטס האַנט
אַרויסרייסן דעם חלף
און שעכטן.
דעם לאַמטערן נעענטער צום האַלדז.
בערל קצב שטיקט דעם רוף
מיט די ברייטע פּלייצעס.
נאָר דער ווינט האָט אים געכאַפּט —
מו־ו־ו־רררר.
רויטער שטראָם פאַרפּלייצט דאָס געלע קריינדל,
לעבן צאַפּלט זיך אַרויס
פון בהמהס האַלדז,
פון די קראַנקע פיס.
מו־ו־ו.
און זשיאַנע קלאָגט אין שטאַל:
מו־ו־ו.

פרויקע לויפט צוריק אין שטוב,
ס'קול פון לעבן לויפט אים נאָך,
ס'קול וואָס איז געשטאָרבן אויף שניי
אינם געלן צירקל פון לאַמטערן.
אין דער קאַלדרע ברענט דאָס לייב.
אונטערן פענצטער שטייט דער קצב
און אינמיטן שטוב ליגט דער קאָפּ פון א בהמה
אין א טייך פון שווימענדיקן בלוט.
מאָרגן, פרויקע לאָזער שוחטס
האַלט זשיאַנעס קאָפּ אין זיינע הענט,
אָטעמט מיט דער וואַרעמקייט פון אירע נאָזלעכער:
„זשיאַנע, זי, א פגירה.
האָב קיין מורא ניט, זשיאַנקעלע".

יידיש

פאַר מיר ביסטו אַ רעגנבויגן פון קאָלירן,
געמיש פון קלאַנג, געזאַנג, געוויין און פרייד,
איך הער אין לויטערקייט פון דיינע רייד
מיין מאַמעס פשוט, כשר האַרץ וויברירן.

דער שמיד האָט דיך געהאַמערט רינג אין קייט,
די דינסטמויד האָט געזונגען דיך אױף טירן,
געזעל האָט דיך גענומען אױפן פעלד שפּאַצירן,
דער „סטעפּניק" האָט דיך אין דער בייט פאַרזייט.

דו ביסט אַ נס, דיין וואָרט און יעדער אות באַזונדער
איז קראַפט, איז פאַרב, איז זוניקייט, איז זיבן וואונדער,
איז שפּיל פון זומערדיקן רעגנשפּריי.

איך האָב אַ בונד מיט דיר פאַרשניטן דיך צו שמידן
אין פערזן בייגיקע פאַר האָראָפּאַשנע יידן,
צו זינגען יידיש ווען יידן, ווען זיי.

יידישע קינדער

צעוויגטער, קאַנוואַולסיווער דזשאַז,
צעהאַקטע שטיקער שלאַנג — די הענט,
די אייניקלאַך פון ווילנער ש״ס
די לעצטע שמותן פאַרברענט.

ניגונים פון רוזינער טיש,
רב לוי־יצחק׳ס פראַסט געזאַנג,
מיט נעגער־בריאַזגען אויסגעמישט
אין ברומענדיקן שטאָט־געקלאַנג.

אויף גאַסנווינקלען ליגט אַנטבלויזט
דאָס האַרץ פון אַ פאַרשעמטן דור,
און, ווען אַרום דאָס לעבן ברויזט,
פאַרגייט אַ האַרץ אין גרויען וואָר.

אָרטשאַרד סטריט

אַף אַלטוואַרג, ברוכוואַרג, פּאַרצעלײַ און מיכט
שפּאַצירט די פרייד מיט הויל־און־בלויזע טריט,
און אַז איך קויף אַ מעסערל דאָ האַלב אומזיסט,
איז גוט און וואויל צו מײַן געמיט.

אַ ברייט געשריי פון אויפגעפּראַלטער ברוסט,
ווי אַף אַ זומערדיקן סטעפּ,
פּאַרליבט איז דאָ בעטהאָוועננס בלינדער ביוסט
אין ליימענע, קאָלירטע טעפּ.

דאָס וואָרט איז קרעפּטיק דאָ און קלאָר דער מיין,
דער זאָג האָט דאָ אַ לויטערן באַטייט,
די פּראָסטע רייד פון ווייבער זענען פול מיט חן
און חנעוודיקער זייער קוק אַף יונגעלייט.

איך קום אַהער אַ מידער פון די פיינע רייד,
וואָס זענען שפּיציק, שטעכיק־ראַפינירט,
און פון די פּושקאַרטס שטראַלט צו מיר די פרייד
וואָס ווי אַ שיקסעס קלייד איז זי קאָלירט.

די זון איז קאַרג און קוקט דאָ פון דער קרום
אַף קעפּ צעשויבערטע און ריידעוודיקע בעוד,
נאָר ס'לויפן קינדער ליכטיקע אַרום
און ס'קלינגען אַף די שטיינער טריט פון פערד.

דער יידיש דאָ פון ליטע און וואָלין,
פון סאָד און בעסאַראַבער „שעם“,
די רייש צעקייקלט זיך און ס'פּייפט די שין,
און ווי די האַמערס קלאַפּן טאָוו און טעם.

אָפענע טירן

אָפענע טירן.
נאַקעטע, וואונדיקע שוועלן.
איבער די טירן קאָלירן
היינגען, ווי בונטע קאַרעלן.

פֿנימער האַרטע.
קנייטשן, ווי פֿלאַמיקע שניטן.
שטייען אַף טירן און וואַרטן,
זיצן אַף שוועלן און היטן.

ברענען קאָלירן.
פֿלאַקערן פֿלייצעס און ברוסטן,
כעף הייבן אָן זיך צו רירן —
שטעכיקע, האַרבסטיקע קוסטן.

אויגן געצונדן.
אַקסלען פֿאַרוואונדערט געהויבן.
הענט, אין די וואונדן געבונדן,
גליען אַף גלוטיקע שויבן.

שטומע געשרייען
מאָנען אַף טירן און שוועלן.

בונטע קאָלירן פֿאַרגייען.
האַרבסטיקע קוסטן פֿאַרגעלן.

פֿינצטערט אַ שאָטן.
אָקסלען פֿאַרוואונדערטע פֿרירן.
וואונדיקע שוועלן צעטראָטן
וויינען אין אָפֿענע טירן.

אין שטומען הויז

אין שטומען הויז דאָס יאָרצייט־ליכט
מיט קרומען, בלייכן פייער ברענט,
דער שאָטן פונם טויטן קריכט
מיט שווארצע הענט אף גרויע ווענט.

אַ קלאַנג אין ווייטער נאַכט פאַרגייט
אין לעצטער הויקערדיקער פיין,
אַ בלודנער הונט באַם פענצטער שטייט
און וואָיעט, וואָיעט: לאָז אריין.

אַ בלודנער הונט וואָס בילט פאַר'צער'ט
מיט שטיקער נאַכט אין זיינע ציין
און איך האָב טיר און שוועל פאַרמאַכט
מיט יאָרצייט־ליכט צו זיין אַליין.

באַם פענצטער שטייט די גאַנצע וועלט
און וואָיעט, וואָיעט: לאָז אריין
און יאָרצייט־ליכט האָב איך געשטעלט,
כדי אַליין מיט דעם צו זיין.

און אַז אין שטומען הויז פאַרגיין
וועט פלאַם אין שאָטן אויסגעשמאַכט,
וועט בלודנער הונט אין זיינע ציין
נאָך האַלטן שטיקער פון דער נאַכט.

קראַנקע שעה'ען

ווי קראַנקע פייגל קריכן מיינע שווייגנדיקע שעה'ען
מיט פליגלען אויסגעמאַטערטע, געפּאַלענע צו דרערד,
אַ פוילער קוק איך אפן ים דעם גרויען־רויען,
וואו כוואַליעס יאָגן זיך מיט שוימענדיקע בערד.
דער טאָג ווערט בלייכער, דער הימל איז געזאַלצן,
די כמאַרעס טאַנצן שלעפּערדיקע וואַלצן,
די זון — אַ בלאָנדע חיה מיט איין אייגל
און מיינע שעה'ען קריכן ווי די קראַנקע פייגל.

דער יונגער שווער האָט זיך געקלאַפּט אין פּלאַכער ברוסט
און זיך געשוואוירן אַז ער הייסט פון דרהיים נאָך גוסט,
די בלאָנדע האָר צעשויבערט אפן שטערן,
ווי אף אַ קראַנקער שאָף די נאַסע וואָל,
די בלויע אויגן — פלאַמענדיקע טרערן
און הייזעריק געזאַלצן איז זיין קול.

פון זעכצן יאָר שלעפּט גוסט זיך איבער ים'ען
און איצטער איז ער אַלט ערשט צוויי־און־צוואַנציק,
האָט פיינט דעם ים מיט זיינע גרויע קאַמען
און האַסט אים, ווען ער שפּרייט זיך פלאַך און גלאַנציק.
דער טאַטע איז אַ שווער, די מאַמע אַ פראַנצויזן

און ער — פֿון זעכצן יאָר אַ וואָגלענדער מאַטראָס,
פֿון זעכצן יאָר האָט אָנגעהויבן ברויזן
דאָס האַרץ אין אים און ווייסט ער נישט פֿאַרוואָס.

די נאָרדלאַנד שווימט אַפֿ מאָרגן פֿונם ברעג
און גוסט ווער אפֿן וואַסער שעלטן זיינע טעג,
די מאַמע אַ פֿראַנצויזן, דער טאַטע איז אַ שוועד,
און ער — אין האַרצן זיצט בא אים אַ שד —
די שעה׳ען מיינע קריכן שווייגעדיקערהייט,
די בלאָנדע חיה שלעפּט זיך אף אַ קייט.

אין בלויען רויך

אין בלויען רויך פֿון ביטערן ציגאַר
פֿאַרקרייזלט זיך דער אומעט פֿון מיין טאָג,
אין בלויען רויך גייט אויף פֿאַר מיר דער צער
פֿון וואָס איך שווייג און וואָס איך זאָג.

דער ציטער פֿון מיין הארץ אין בלויען רויך,
וואָס וויקלט זיך און קרייזלט זיך אָן סוף,
געדיכט, ווי כמארעס, אין דער הויך
היינגט איבער מיר מיין משפּט און מיין שטראָף.

פֿאַרגייט דער בלויער רויך אַף שטומע ווענט,
אין טעצל ליגט דאָס אַש — די חורבות פֿון מיין צייט,
וואָס האָט אין ביטערן ציגאַר זיך אויסגעברענט
און בלוי פֿאַרקרייזלט זיך אין רויכעדיקער ווייט.

דאָס גרויע אַש פֿאַרשפּרייט איך אָפּן ווינט,
וואָס הונגערט בא מיין פֿענצטער גאַנצע טעג,
און מיינע שעה'ען טראָגן זיך אַצינד,
צעריסענע אין שטורעמדיקן וועג.

איך קוק זיי נאָך מיט בלינדן ווייַ,
מיט וואַקסנדיקן, וואַלקנדיקן צער
און ס'דאכט זיך מיר אַז איך אַליין פֿאַרגיי
אין בלויען רויך פֿון ביטערן ציגאַר.

ביל איז נישט צוריקגעקומען

ביל איז נישט צוריקגעקומען פונם בעי.
אין דער טיפעניש פון וואסער רוט איצט ביל.
אף די כוואליעס שליידערן זיך זיינע אכצן יאר.
ווינטן וויינען אוים א קלאג נאך אים.
ס'שיפל וועט געשמיסן אף די גרויע קאמען
צו אן עלנט-פרעמדן ברעג.
ווער וועט שפייזן איצט דעם אלטן סטיוו?
ווער וועט קעמען זיינע גרויע האר?
ווער וועט זינגען איצט פאר אים דאס פישערליד?
ווער וועט פירן סטיוון בא דער האנט
און ווער וועט סטיוון רופן סטיוו,
אז ביל איז נישט צוריקגעקומען פונם בעי?

אין אווינקל ליגט די פישערנעץ צענויפגעדרייט.
טאפט דעם שטריקגעפלעכט דער אלטער סטיוו.
רייסט דעם שטריקגעפלעכט דער בלינדער סטיוו.
ברעכט ער זיינע אויסגעדרייטע פינגער,
פארשעלט די יארן זיינע. —
די פינף מאל אכצן יארן זיינע.

ברענט א לעמפל אינם נידעריקן שטיבל.
שאטנט זיך א פלעמל אף די שווארצע ווענט.

סטיוו וועט באלד א בלאָז טאָן און פארלעשן
קיינמאָל שוין נישט אָנצוצינדן,
ווייל צו וואָס דארף סטיוו א לעמפּל
פאר די בלינדע אויגן ?

פון דער פינצטער הייבט זיך דאָס געשריי :
ביל איז נישט צוריקגעקומען פונם בעי.
און קיינער וועט אין בעי שוין מער נישט גיין,
ווייל ס'איז דער לעצטער ביל געגאנגען
און אף די כוואַליעס שליידערן זיך זיינע אכצן יאָר,
און ווינטן וויינען אוים א קלאָג נאָך אים.
צו וואָס דארף סטיוו די טיפע עלטער זיינע,
אז אלע קינדער זיינען שוין אין בעי,
אז ביל איז נישט צוריקגעקומען פונם בעי ?
סטיוו וועט זיינע נײַנציק יאָר צעשיקן
אף די שטורעמדיקע כוואַליעס פונם בעי.

סטיוו וועט אויסגיין אין דער פינצטער
מיט דער ליכטיקייט פון אכצן יאָר אין זיינע בלינדע אויגן,
מיט דער לעצטער קלאָג :
ביל איז נישט צוריקגעקומען פונם בעי.

יארמוט, נײַ שאָטלאנד.

דאָס עלנטע שטיבל

ס'האָט עמיצער דאָס רויטע שטיבעלע פאַרלוירן דאָ,
זיך שפּילנדיק אין אַ פאַרנאַכטיק זומערדיקער שעה.
און אפשר האָט אַ וואָגלער זיך געבויט אַ שלאָס,
ניט וויסנדיק אַליין צו וואָס ?
און איינגעשפּאַרט האָט ער זיך דאָ אַליין
און אויך זיין פרייען גלוסט צו וואַנדערן און גיין.

און אפשר האָט אַ טרוימער זיך באַשאַפן אין זיין טרוים
אַ שטיבעלע אַזאַ, באַם סאַמע הימל־זוים,
אין כוואַליעדיקן גערשטן, אין אַפּשיין־רויטן כיאָן,
וואו ציטערדיק דאָס ווינטל זאָגט דעם אויפשיין אָן ?
און אייביק וועט ער בייִנקען, זוכנדיק זיין טרוים־געבוי
און קיינמאָל ניט געפינען זוכנדיק אַזוי.

און אפשר איז דאָס שטיבעלע פאַר מיר אַליין געגרייט,
און אינעווייניק דאָרט וואַרט אַף מיר אַ רואיק שטיקל ברויט,
אַ גוט געלעגער, אויסגעבעט פון אַ געטרייער האַנט,
אַ ליכטיקע ניט־שרעקנדיקע וואַנט ?

דאָס רויטע שטיבל דאָ צווישן פעלד און בייט
פאַר וועמען, זאָג, פאַר וועמען איז געגרייט ?

אין שאָטן פון בוימער

באערי

באערי, דו האָסט צעהאַקט אַף צווייען
און צעפּאַסעוועט מיין טאָג, מיין שיין,
אַז די זון פון אויבן זאָל זיך פרייען
ווען פון אונטן וואַלגערט זיך מיין פּיין.

כ'קום צו דיר אין שאָטן צו געפינען
ווערטער זוניקע פון אויבן איבער דיר,
אויסצוקלאַפּן „אַלעפן" און „שינען"
אַפן טאַנציקן און גלאַנציקן פּאַפּיר.

קלאַפּ איך, רייס צו זיך אַרונטער פּאַסן
פון דער זון וואָס דו האָסט מיר פאַרשטעלט,
באערי, די פינצטערסטע פון גאַסן,
דיך האָב איך מיט מיין געזאַנג באַהעלט.

אַף די וויסטע דיינע טראָטוארן
וואַלגערן זיך טרעמפּס אין שטויב, אין קויט;
איך, ווי זיי, וועל בא די ווענט זיך שאַרן
בעטלענדיק אַ טרוקן שטיקל ברויט.

איך, ווי זיי, אַן איינגענער, באַפרייטער,
אויסגעטאָן פון פרעמדע, קאַלטע רייד,
וועל אין זיך דערפילן ווי איך לייטער
מיינע, דיינע, יעדן איינעמס פרייד.

אַז אַ מענטש איז מיד

.1

אַז ווי זאָל איך, אַ מענטש אַ מידער,
וואָס קוים איך שלעפּ אַף זיך די טעג.
וואָס נאָר אַמאָל יעסעניגס לידער
דערפירן מיך צום שטילן ברעג.

וואָס וויל דער שטול זאָל זיין וואָס ווייכער
און נאַקעט זאָלן זיין די ווענט,
אַז איך, אַ שאָטנדיקער, בלייכער,
זאָל זען דעם שיין פון מיינע הענט.

וואָס ווערטער מיט קאָלירטע פליגלען
פאַר מיינע אויגן שוועבן אום
און ס'האַרץ האָב איך אַף זיבן ריגלען
פאַרמאַכט פאַר זיי צו בלייבן שטום.

אַז ווי זאָל איך פון ווייט דערהערן
דעם רוף פון רויטן איבערבוי
און מיינען אַז כ'וועל אַנדערש ווערן
אַז בלייבן וועל איך שוין אַזוי.

.2

פארפאלן, כ׳האב דעם אמת שוין דערציילט,
באזונגען שוין מיין מידקייט אין א ליד,
און איצטער פיל אז כ׳בין אויסדערוויילט
צו טראגן יעדנס גורל ווער ס׳איז מיד.

דער מידער טאג האט זיך מיט שיין צעשפילט,
מיט פלעקן ליכט האט ער מיין שויב פארבלענדט
און איך האב זיך אין שאטן איינגעהילט,
אין גרויען מאנטל פון די ווינקלען ווענט.

גערעדט, איך ווייס ניט ווער, געמאנט בא מיר,
נאר איבער מיר האט זיך געשפרייט די מידע רו
און ליכטיק איז געווארן זיין באריר:
אך בין דאך מיד אזוי ווי דו, אזוי ווי דו.

נו, לייג אוועק די שארף פון דיינע רייד,
מיין קעניגרייך איז לויטער רו און פריד,
איך האב פאר דיר א ווינקל צוגעגרייט,
ווייל דו אזוי ווי איך ביסט מיד, ביסט מיד.

ווייל דו אזוי ווי איך האסט היינט דערהערט
דעם רוף פון מיליאנען מידע הענט

וואָס האָבן זיך אהיים צוריקגעקערט
ווען זייער טאָג אין מי האָט אָפּגעברענט.

און אז איך האָב דעם אמת שוין דערציילט,
טראָג איך דעם וויי פון יעדן מידן גוף,
איך זע די פּיין וואָס איז נישט אויסגעהיילט
און הער פארנאכט דעם מיליאָנען רוף.

3.

זינג מיר דאָס ליד פון דער מידער וועלט.
ווי זאָל איך זינגען אַז מיד בין איך אַליין,
אַז אין שווייגן איינגעהילט איז מיין געצעלט
און מיין שויב די זון זעט נאָר אין איר פאַרגיין.

ס'שפּילט די קאַטערינקע ס'ליד פון מידער וועלט
און מיט רויט געלעכטער לאַכט דער פּאַפּוגאַי,
שטייט דער בלינדער בעטלער בא דער זייט און שעלט, —
ס'ליד פון מידער וועלט זינגען אַלע דריי.

זון אַף שטיק צעריסן, ליכט אַף פּאַס
און צעוואָרפן פאַר די הונגעריקע הינט,
ס'ליד פון מידער וועלט זינגען זיי מיט האַס,
שליידערן געוויין אין פּאָלעם פונם ווינט.

ס'ליד פון מידער וועלט מיט בייזקייט יאָגט מיר נאָך,
מאָנט בא מיר געזאַנג מיט מעסערס אין די ציין,
וואַרפט מיר צו די פּיס ס'לעבן פון דער וואָך, —
אָבער מיר בין איך, מיד בין איך אַליין.

ס'ליד פון מידער וועלט אין ברויזנדיקן דזשאַז,
אינם ווירבלדיקן שטראָם פון סאַקסאָפאָן.

טאָכטער טאַנצט דאָס ליד מיט ווייטיק און עקסטאַז,
זון פאַר׳שיכור׳ט עס מיט זיך אַליין און קאָן.

אַף געלעגערס וואַלגערט זיך דאָס מיד געזאַנג,
אונטער בעטן ליגט עס אין געוועב פון שטויב,
איבער דעכער שפּרייט זיך עס מיט זונאויפגאַנג
און מיט זונפאַרגאַנג צעפליגלט עס אַף שוב.

אָבער איבער אַלע זינגען מידע הענט,
וויינט דאָס אויסגעבראָכן נאָכן טאָג געביין,
אויגן וואָס זיי זענען פון באַפעל געשענדט, —
ס׳ליד פון מידער וועלט און מיד בין איך אַליין.

דאָס ליד פון די פינעפאונדרייסיק געזאַנגען

זיבן טעג האָט די זון נישט געשיינט
און היינט איז זי געקומען אַף די בערג.
גילדענע גלעקלאַך האָט זי צעהאַנגען אַף זייערע הויקערס.
געלע הארבסטן האָט זי אויסגעשפּרייט זיי צופוסנס.
זינגען זיי, קלינגען זיי פאַר מיר
דאָס ליד פון פינעפאונדרייסיק געזאַנגען.

דער ליולקע־רויך וואָלקנט זיך בלוי
פאַר מיינע באַיאָרנטע אויגן.
דער עפּלבוים שטייט פאַר מיין פענצטער
באַלאָדן מיט צייטיקע עפּל וואָס פוילן
צופוסנס אין שאָטן פון בלעטער.

אין גראָז שפּרינגען צוויטשערלאַך אום
מיט פינקעלאַך זון אין די עקלאַך.
צוויטשערן זיי פאַר מיר
דאָס ליד פון פינעפאונדרייסיק געזאַנגען.

דאָס ליד פון פינעפאונדרייסיק געזאַנגען
מיט וואָלקנדלאַך אומעט איבער זיי,
מיט פאַסן פון מיטנטאָג אָפּשיין
אויף עלנטע וועגן.

מיט רו פון סוף־זומער אויף ביימער־שפּיצן.
מיט רויטן אויסגאַנג אַף די בלעטער.

פאַרנאַכט וועל איך נעמען דעם שטעקן
אַנצולענען דעם יאָך פון פינעפאונדרייסיק יאָר
און גיין אַף די וועגן אַליין
מיטן ליד פון פינעפאונדרייסיק געזאַנגען
אין מיינע געשאָטנטע טריט.
פאַר מיר וועט זיך שפּרייטן פאַרנאַכטיק
דאָס זעקסאונדרייסיקסטע געזאַנג.
דאָס אומעטיק־נייע געזאַנג
אין ליד פון פינעפאונדרייסיק געזאַנגען.

א שעה אינמיטן טאָג

נאָר אַ שעה אינמיטן טאָג,
פון אַזייגער איינס ביז צוויי,
נאָר אַ שעה פון בייִנקשאַפט
וואָס מיט אירע טויזנט פאַרבן
שפרינגט זי פונם האַרץ אַרויס
ווען די פינגער בעטיס שפרינגען
אויף די קלאַפּערלאַך פון שרייבמאַשין
מיט אַ מידן צווייפאַרטאָגעדיקן טאַנץ.
ווען די בלויע ווערטער שפריצן
ווי די שפריצלאַך פון אַן אָסיענרעגן.
ווען אויף שויבן ליגן פאַסן
פון געגאַרטע ווייטקייטן.
נאָר אַ שעה אינמיטן טאָג.
פון אַזייגער איינס ביז צוויי.

ליגט די באַטערי צעפּאַטלט
מיט אַ ברוסט און אָפּענער.
קרעכצן שיפלאַך אויפן וואַסער
מיטן שטויב פון קוילן אין די לונגען.
קומען שיפן אָן מיט ווינטן
פון אַזוינע און אַזוינע לענדער.
גייען שיפן אָפּ מיט ווינטן

אין אזוינע און אזוינע לענדער.
זוניקע קאַלירטע פּאַנען
פון אזוינע און אזוינע לענדער.
נאָר אַ שעה אינמיטן טאָג

שפּרייטן זיך די טויזנט פאַרבן
פון אזוינע און אזוינע לענדער
פאַר די מידע בעטים אויגן.

די פאַרענטשע איז פון שטאָל.
גלעטן לויכטנדיקע פינגער
ס'קאַלטע שטאָל.
קומט אַ שיפל צו.
יונגען: קויל־און־אייזן־געזיכטער.
שמייכלען עפענען דעם טויער צו די ימים.
קוקן מידע קלאָרע אויגן
אַף צעשויבערט־בלאָנדע האָר
און אַף אָפענעם געזיכט
וואָס אין קאַרבן האָט דאָס וואַסער
איינגעגראָבן אָדערן פון זאַלץ.
ביינקט אַ ווייסע האַנט
אַף אַ האָריק־ברוינער האַנט.

בעטי:
כ'וועל אַמאָל אַף ימים פאָרן.
דזשאַני:
כ'וועל אַמאָל אַף גאַסן גיין.
בעטי:
ימים זיינען שטורעמדיקע.
דזשאַני:

גאַסן זיינען רווישיקע.
בעטי:
זונען שפּרייטען זיך אף גאַסן.
דזשאַני:
ליכטער צינדן זיך אף גאַסן.
בעטי:
מאָרגן וועל איך ווידער קומען.
דזשאַני:
ס'וואַסער וועט מיך מאָרגן ברייננגען.

נאָר אַ שעה אינמיטן טאָג.
פון אַזייגער איינס ביז צוויי.

אין על

ווי פֿליגלען הייַנגען שטיקער נאַכט אַף ברעמען,
געלעגערס וואַרימען נאָך בלייכע הענט
וואָס שטרעקן זיך אין וואַקלענדיקע ווענט
דעם שאָטן פֿון דער נאַכט ארומצונעמען.
געזיכט איז צו געזיכט פֿאַרפֿרעמדט געווענדט,
און ס'קוקט דאָס אויג נישט ווייסנדיק אַף ווענט,
אַ שטיקל נאַקעט מיידל־לייב פֿאַרשעמען
האָט זיך די זון אַף פֿענצטער־שויב צעברענט.

געדריקט איז לייב צו לייב מיט ווידערווילן,
און שׂנאה קנוילט אין גופֿימדיק געפֿלעכט,
געבראַכט אהער דעם חלום־וועב — דעם שטילן ,
און דאָ, פֿאַר טויזנט אויגן, אים פֿאַרשוועכט.
דער טאָג האָט אין די פֿענצטער זיך צעיאָגט
און אומרו האָט ער אויגן אָנגעזאָגט.

דרײַ

מיט אויגן קלאָרע, ליכטיקע,
מיט אויסגעשטראַלטער פּיין, —
אין דרייען לאָמיר זיין.
געבונדן אין דער דרייאיקייט,
באַהעפט מיט לויטער שיין, —
אין דרייען לאָמיר זיין.

דער גורל פון דער צווייאיקייט
צו ווייטיקן געטריי
געפאַלן אין אַף דריי,
מיר וועלן אין דער דרייאיקייט,
אין איך, אין ער, אין דו,
אין אומרו זוכן רו.

אין טרויל־אכקייט געגורל׳טער,
געבונדענע און פריי, —
מיר זענען, זענען דריי,
געשטאָרבן אין דער צווייאיקייט
און אויפגעלעבט אויפסניי, —
מיר זענען, זענען דריי.

דער פרעמדער

דער פרעמדער איז געוואָרן אייגן
און טיילט מיט אונדז דעם ביסן ברויט
און וועט אין אונדזער בעט זיך לייגן,
ווייל אים האָב איך מיין שטוב פאַרטרויט.

איך ווייס, ער נעמט מיין גאַנץ פאַרמעגן,
מיין האָב־און־גוטס, מישטיינס געזאָגט,
און כ׳טראָג אים זיך אליין אַנטקעגן,
הלואי וואָלט איך נאָך מער פאַרמאָגט.

דער פרעמדער רעדט מיין האַרץ צו שניידן,
דעם פרעמדנס קוק מיט בייזקייט שפּיזט
און איך קאָן ביידע נישט פאַרמיידן, —
צו וואָס זשע ווערן זיך אומזיסט?

אָן אים איז פּוסט די שטוב און ליידיק,
ביסטו אַ חלום, ווייט און פרעמד,
אַז ער איז דאָ איז פיינלאַך־פריידיק,
איז גוט צו געבן אַז ער נעמט.

רויטע רויזן

אודאי, חברים מיינע,
אף רויזן ליגט דער שטויב פון טויזנט דיכטער,
נאָר מיינע רויזן, רויטע רויזן
מיט מערדערישן חן באַהאַלטן
דעם ציטערדיקן אָנריר פון דער פרעמדער האַנט,
דאָס וואָרט וואָס האָט זיי אָפּגעשיקט צו מיר
צו שווייגן אף מיין טיש
מיט פרעמדנס האַנט באַריר,
מיט וואָרט געבענטשטן איבער זיי.

איז וואָס זשע זאָל איך טאָן אַז פיינט האָב איך די רויטע רויזן
און ס'טוט מיר ווי דאָס האַרץ ווען זיי פאַרטריקענען?
איך צייל די בלעטעלאַך וואָס פאַלן
ווי כ'צייל די שעה'ען מיינע אין דער וואַכער נאַכט.
אַז דער וואָס האָט געבענטשט די רויזן,
האָט מיינע טעג פאַרשאָלטן
און מיט דער ברכה מיר די קללה צוגעשיקט, —
איז וואָס זשע זאָל איך טאָן?

אודאי, חברים מיינע,
נאָר מיינע רויזן, רויטע רויזן

מיט פרעמדנס האַנט־באַריר,
מיט שנאה ברענען זיי ווי איך.

פון בלעטעלאַך געפאַלענע אַ רויטער קרייז
און איך אינמיטן קרייז.
ווי לאַנג וועל איך זיך דרייען אין די רויטע רויזן
און זוכן מיין ארויסקום?
ווי לאַנג וועל איך דעם פרעמדן צייכן טראָגן
און פאַרבן אים מיט רויטקייט פון באַגער?

און אַז די רויטע רויזן וועלן שוין פאַרטריקענען,
וועט נאָך דאָס רויטקייט זייערס ברענען אויף מיין טיש.
ווי ס'וועט דעם פרעמדנס האַנט־באַריר אין ייאָרט
אין מיין פאַרשווייגן הויז זיך טראָגן.

פאַרלוירענע

מיר האָבן זיך פאַרלוירן, זוכנדיק דאָס גליק
און קרום, און שטייניק איז דער וועג צוריק.
און וואָס איז דער צוריק פאַר אונדז, פאַרלוירענע?

אַן אָפּגעבערענטער, דאַרנדיקער וועג,
פאַרגאַנגענע און אָפּגעשיינטע טעג, —
פאַר אונדז, געוועזענע און גאָרנישט ניט געוואָרענע.

און אפשר ניט דאָס גליק האָט אונדזער וועג פאַרברענט,
נאָר מיר אַליין מיט אונדזערע ניט וויסנדיקע הענט?
געטראָגן דעם פאַרגאַנג אינאיינעם מיט חלומות ניט געבוירענע.

אינאיינעם מיטן אָנהייב, דער סוף פאַר זיך געשפּינט,
געיאָגט זיך, ליכט פאַרבלענדטע, נאָכן ווינט
און באַלד געוועזן פאַרלוירענע, פאַרלוירענע, פאַרלוירענע.

אין ווינטער־פּאַרק

אין ווינטער־פּאַרק איז אויסגעשפּרייט
אַ ווייסע, ציטערדיקע פרייד,
די סטעזשקעס — שוואַנען־העלדזער שלאַנק —
פאַרגייען אין אַ ווייס געזאַנג.

די ביימער נאַקעט — נאַט און זעט! —
פאַרביינקטע נאָכן ווייסן בעט,
פון זון און ליכטיקייט פאַרבלענדט
און זיך אין זיך אַליין פאַרברענט.

אין לויטערקייט פון שניי־געזיכט
צינדט אָן די זון אַ ציטער־ליכט,
אַ ווייסער טאַנץ, אַ בלויער פלעק —
די שאָטנס פון די ווינטער־טעג.

דער ווינטער האָט אַן אוצר ליכט
וואָס שטראָמט אַרונטער אומגעריכט,
וואָס פלוצלונג ווערט ער מיר אַנטפּלעקט,
און בלענדט און פריידיקט מיך און שרעקט.

סאָנעטן־רינג

.1

דאָס האַרץ איז אויפגעריסן, אָפן דאָס געשריי
פון ברוסטן טרעמפּישע, פון קרומע זוילן,
פון פּנים׳ער געוואַלגערטע אין קוילן,
פון אויסגעמישטער קלאָג אַף שפּראַכן אַלערליי.

דער גורל גייט דאָ נאַקעט נישט פאַרהוילן
און בעטלט שטאַמלענדיק אַף קאַווע און אַף טיי,
נאָר איך בין שעמעוודיק און כ׳האַלט אין האַרץ מיין וויי
ער זאָל אין מיר אַ נישט געזאָגטער פוילן.

איך קום אַף באַערי מיט קראַגן און קראַוואַט
ווי כ׳וואָלט נאָך אַ פאַרזיגלט־רואיק האַרץ געהאַט,
ווי ס׳וואָלט דער רוף פון גאַס מיך גאָרנישט אַרן,
און כ׳הער דעם קלאַנג פון מיינע טריט אַף נאַסן שטיין
און כ׳וויים אַז אָפן איז מיין האַרץ אַליין,
ווי אָפן ס׳איז די ברוסט באַם טרעמפּ באַם דאַרן.

.2

ווי אָפן ס'איז די ברוסט באַם טרעמפּ באַם טאָרן,
ווי בייז און שטעכיק ס'איז זיין נישט געגאָלטע באָרד,
אַזוי וועט אָפן, שטעכיק זיין דאָס בייזע וואָרט
וואָס וועט די ווענט פון מויערן צעשפּאַרן.

איך האָב דאָס וואָרט געהאַט, פאַרשפּילט עס אויף אַ קאָרט
אין נעכט פון בראָך און פינצטערע קאַשמאַרן,
איך זוך עס איצט אין שטאָטישע ווירוואַרן
און בעט פאַר דעם מיט ווייטיק און מיט מאָרד.

אויף באַערי רינט אויס אין שאָטנדיקן רויט
דאָס לעצטע רערל בלוט, און אויסגעמישט מיט קויט
דערטליען דאָ די מענטשן ווי די זשאַרן.
דער אונטערגאַנג איז אָפן און אַנטפּלעקט דעם סוד,
די שטיינער דרייען זיך מיט מענטשן אין אַ ראָד,
צעבראָסטעט ליגן דאָ די טראָטואַרן.

3.

צעכראַסטעט ליגן דאָ די טראָטוארן,
דאָס האַרץ פון יעדן שטיין איז וואונדיק־אויפגעפּראַלט,
אַז ווען די זון איז אין פאַרשטעלטער הייך צעשטראַלט
זאָל איך באַ שאָטנדיקע ווענט זיך שאַרן.

אַז אייגן זאָל מיר זיין דאָס שטעכעדיק געשטאַלט
און אויגן וואָס אַף גרויע סלופּעס שטאַרן,
אַז איך ווי ער זאָל גאָרנישט, גאָרנישט גאַרן
און וויסן אַז דער סוף איז הינטער מיר, איז באַלד.

אַז ברייגנען זאָל איך אויסגעפּוצטע שעה'ען
און לאָזן זיי אַף הפקר מיט די שטיינער וואָיען,
ווייל פרעמד בין איך און אייגן דאָ מיט זיי.
אַז זען זאָל איך אין פינצטערן באַגינען
ווי קראַנקע שטראָמען שיין אַף שוועלן רינען
מיש האַרץ צעשניטענעם און מאָנענדיקן וויי.

.4

מיט האַריץ צעשניטענעם און מאָנענדיקן ווײ,
מיט אַקסלען שפּיציקע און אויגן שפּיזן
האָט ער זיך צוגעשאַרט און מיר געוויזן
די הוילע קאַלטע ברוסט און מיר געזאָגט אַזוי :

דאָס לעבן שפּילט זיך, הוליעט מיט קאַפּריזן,
דו זעסט — אַ בייזער פראָסט און איך אַזויאַ גיי,
איך מאָן בײַ דיר, איך בעט אַ וואַרעם גלעזל טיי,
ווייל כ'האָב דיר אפן פראָסט מיין ברוסט געוויזן.

איך שעם זיך נישט און מאָן פאַר דעם פון דיר באַצאָלט
דערפאַר וואָס איך בין דאָ ווייל כ'האָב אַזוי געוואָלט,
ווייל כ'וויל אַז איבער מיר זאָל נאָר דער גרויל האַרן,
איך פיניק זיך אַליין אף האַרטן, נאַסן שטיין
און וויים אַז דאָ וועל איך אין עלנטקייט פאַרגיין ,
ס'איז באַערי די גאַס פון קלאָרע צער'ן.

.5

ס'איז די באַרי די גאַס פון קלאָרע צער'ן,
דו עפן אויף דאָס האַרץ און זע דיין אייגן פּיין
און אויפגיין וועט פאַר דיר דער לעצטער קלאָרער שיין
וואָס ליגט געפאַנגען אין די בודוארן.

דעם שלייער רייס אַרונטער און אַנטבלויז דיין זיין
און קום אין געלן שיין פון די פּאַנאַרן
דיין מיד געביין אַף שטיין דאָ אָנצושפּאַרן
ווען ס'קריכט דער זאַטער מיט זיין ווייב אין בעט אַריין.

דער גוף אַף שטיין, צוקאָפּנס דאַרע פּויסטן
און באַ דער שוועל פון לעבן אויפגעברויזטן
ליגסטו אין מיסט אַ לויטערער ווי שניי,
פון מויער בלינדע שויבן, שוואַרצע טרויבן,
פאַר דיינע אויגן ווערטער — ווייסע טויבן:
דער אמת לויטערט זיך אין נאַקעטן געדריי.

.6

דער אמת לויטערט זיך אין נאקעטן גערריי
און זינגט ארויס פון דיינע טריט און וואקל,
די אויסגעשטרעקטע האנט — אין נאכט א פאקל
צו לויכטן אפן וועג פאר דיר, פאר מיר, פאר זיי.

געצויגן איז דער שטריך און דער סך־הכל
וועט פירן דיך אין וועג, דו גלייב אים נאר און גיי
און מיט געזאנג דעם לעצטן גאנג פאר זיי פארזיי
און זאג: באפרייט ביסטו פון דעם ספעקטאקל.

דו זאג: ביסט אויסגעטאן פון גוטס און צארן.
אלצאיינס פאר דיר: צי טעג, חדשים, יארן,

אליין ביסטו און לעבסט אין זיך אליין פאר צוויי,
מיט קיינעם זיך נישט חבר'ן און קריגן
און אמת איז דער אויפגעדעקטער ליגן,
פון אויגן שיינט ארויס דער קלוגער „איך פארשטיי”.

.7

פון אויגן שיינט ארויס דער קלוגער „איך פארשטיי“
און גוט איז מיר און קאלט אין זיי צו קוקן,
ווי פאר א הייליקן וויל איך זיך בוקן
און בעטן בא דעם פרעמדן: טרייסט מיך און דערפריי.

ס'איז הייזעריק זיין קול, זיין האנט איז טרוקן,
נאר אייגן איז מיר ווי דאס אייגן הארץ זיין „סעי“,
און אז ער קערט פון מיר זיך אפ, דערפיל איך און דערגיי
דעם סוד פון זיך אליין אין שאטן פון זיין רוקן.

איך ווייס שוין אז מיין גליק האב איך זיך איינגערעדט,
אז פאלש בין איך געווען דער פריידיקער פאעט,
א ליגן מיינע ליכט־קאלירטע שארן.
זיין קלוגער קוק, זיין האנט, זיין ביינערדיק געזיכט
און מעסער־קלאר איז מיר געווארן אומגעוויכט:
ווי קאן איך דא מיט פריידיקייט זיך נארן?

8.

ווי קאָן איך דאָ מיט פריידיקייט זיך נאַרן?
פאַרגיב מיר, קרבן עולה מיינער, און פאַרציי,
כ'האָב זיך אַליין פאַר'שרפ'עט אינם ליד פון דריי
און איצט איז מיר באַשערט אַליין צו קוואַרן.

כ'האָב דיר אַמאָל געבראַכט אַ ליבטיק נאַשעריי:
אַ הויפן גאָלדן-קלינגיקע דינאַרן,
נאָר מיד בין איך פון קלאַנג וואולגאַרן
און אין דער מידיקייט בין איך דערהויבן, פריי.

די גרויקייט פון דער באַערי איז אייגן
און ווי דער טרעמפּ וועל איך מיין פּלייצע בייגן
און זיין ווי ער פון טעג און יאָרן אויסגעשפּאַנט.
און אז איך קום אַהיים ווי זאָל איך דיר נישט זאָגן
וואָס כ'בין דערגאַנגען בא דער שאַרף פון ראָגן:
ס'איז פשוט גיין מיט וואַקלענדיקע טריט באַם ראַנד.

.9

ס'איז פשוט גיין מיט וואַקלענדיקע טריט באַם ראַנד.
טראָגסט נאָך דעם שלעפּ פון לעבן, פּאַזש אין שמאַטעס,
דיין חלום היינגט אַ קוויטיקער אויף גראַטעס
אין באַערי האָטעל, צי אויף אַ קרומער וואַנט.

דו לייגסט אַרויף די טעג אויף צייט ווי לאַטעס,
קאַלירטע טעג אויף אָפּגעריבן־גרוי געוואַנט,
דו פיניקסט אויס די נעכט מיט לויטערן פאַרשטאַנד
און הערסט אין זיך דעם רוף פון שטומע טאַטעס.

אַמאָל געווען, — ווי נאַריש צו דערמאָנען
געפּלאַצטן שוים פון פאַרביקע באַלאָנען
אין איצט דערהויבענעם און אמת'דיקן שטאַנד,
אַז פשוט איז דער טאָג און קלאָר און אָפן
און פשוט'ער אויף האַרטן שטיין צו שלאָפן,
דערנערן זיך פון ליכטיק אויסגעשטרעקטער האַנט.

.10

דערנערן זיך פון ליכטיק אויסגעשטרעקטער האַנט, —
אַז גוט איז דיר אַזוי זיך צו דערנערן,
פון טרוקן שטיקל ברויט געזעטיקט ווערן
און פשוט זאָגן: כ'זעטיק זיך פון בעטל־שאַנד.

דער רויש פון גאַסן, עוועניוס און סקווערן
צענויפגעדרייט ליגט דאָ אין שפּיציקן דרייקאַנט,
מאַנהעטן בריק אַריבער בלויע שטרעקעס שפּאַנט
מיט דראָט־געפלעכט און בייכיק־שוואַרצע רערן.

אַף שטיינער אונטער בייזע טריט ליגט אויסגעשפּרייט
דאָס מאָגערע דאָס שטאָטישע דאָס אינגעווייד
און איבער דעם דיין טרעמפּישער „יו ליסן".
דיין ליכטיק אויסגעשטרעקטע האַנט איז דיין פאַרמעג,
דיין נאַכט איז אמת, אמת זיינען דיינע טעג, —
אַז גוט איז דיר דעם קלאָרן אמת וויסן.

.11

אַז גוט איז דיר דעם קלאָרן אמת וויסן
און טראָגן אים געצייכנט אַף דיין דאַר געביין
צו צייכענען פאַר אַנדערע דעם וועג אַף שטיין
מיט דיינע טריט און דיינע וואונדן־ריסן.

דו האָסט אַף באַערי געוויזן מיר אַליין
דעם זין פון זאַטן איינגערעדטן ביסן
און ס'האָט זיך אָנגעהויבן בלוט צו גיסן
פון שטיקל ברויט און פלייש צעווישן מיינע ציין.

און טאָג און נאַכט זע איך דיין קלאָרן צייכן
ווען מיינע זאַטע טעג, ווי איך, פאַרבלייכן
און הויז איז אויסגעליידיקט, גאַס און שטאָט איז וויסט.
איך קום צום ראַנד צו הייסן דו זאָלסט פירן
און עפענען פאַר מיר די לעצטע טירן, —
דו ביסט דער לעצטער און דו ווייסט עס אַז דו ביסט.

.12

דו ביסט דער לעצטער און דו ווייסט עס אז דו ביסט,
מיט אויגן מידע, שיינענדיקע ווייסטו
און טראָגסט די שעה'ען פרייע, אויפגעלייזטע
ווי ס'טראָגט דיין חבר'טע די דאַרע אירע בריסט.

אַף באַערי מיט איר אינאיינעם גייסטו,
אַף יעדן לאָמפּ פאַר אייך געקרייציקט היינגט דער קריסט
מיט אָפּגעדעקטן לייב, געשענדט און דורכגעשפּיזט,
ווי דו און זי — אין לעצטן גאַנג געטרייסטע.

און ערגעץ אין אַ קעלער, צו באַ אַ לאָמפּ אַ בלינדן
וועסטו באַ איר דעם לעצטן פלאַם צעצינדן
צו ברענען אין געביין באַ דיר, באַ איר אומזיסט.
צו זען ווי דאָס געשאַנק פון דיינע לענדן
האָסטו געבראַכט אהער אין קויט צו שענדן,
צו וואַלגערן דיין אויפגעריסן האַרץ אין מיסט.

.13

צו וואַלגערן דיין אויפגעריסן האַרץ אין מיסט
ווי ס'וואַלגערט זיך דער לויכטנדיקער דאָרן
און אַז אַמאָל ברויזט אויף אין מיר דער צאָרן,
דערמאָן איך זיך ווי דו אַ לויטערער פאַרגיסט.

ווי דו האָסט אויסגעמעקט פון דיין זכרון
געשטאַלטן בייזע, אַלצדינג אייגנס וואָס פאַרדריסט
צו בלייבן קלוג, צו בלייבן גוט, פאַרגעבלאַך ווי דו ביסט,
צו טראָגן אַף די הענט, ווי קינדער דיינע יאָרן.

און איך פאַרגיב ווי דו און ס'פלאַטערט איבער מיר
דיין ריין געשטאַלט, דיין קוק און דיין באַריר
ווי ס'פלאַטערן די קלאָרע נעכט אין ניסן .
איך ווייס ווי אַנדערש אָפגעשלייערט לעבן איז
און כ'זאָג צו זיך : נאָך איינעם, נאָך דעם לעצטן ריס, —
אַז גוט איז מיר, מיין האַרץ איז אויפגעריסן.

.14

אז גוט איז מיר, מיין האַרץ איז אויפגעריסן,
מיין גוף איז לויטער, מיין פאַרשטאַנד איז פיינלאַך־העל,
מיט פאַרבן ליכטיקע געפלאַסטערט איז מיין שוועל
און כ'דאַרף מיין טיר פאַר קיינעם נישט פאַרשליסן.

כ'האָב אויסגעמאָלט אין שטוב אַ וואונדערלאַך געמעל
דעם אייגענעם און פרעמדן צו באַגריסן,
איך גיב אַוועק מיין שטוב, מיין לעצטן ביסן
און שרייב אַליין סאָנעטן פאָרנדיק אין על.

איך בין דעם סוד פון באַערי דערגאַנגען
און טרעמפּס ווי האַרבסטיק־וואַקלענדיקע זאַנגען,
ווי עלנטע, פאַרפוילטע, ברוינע, סטערטעס העי,
האָב איך פאַראייגנט און איך האָב פאַרמיייניקט
און כ'האָב אין זיי דעם אמת אויסגעפייניקט:
דאָס האַרץ איז אויפגעריסן, אָפן דאָס געשריי

15.

דאָס האַרץ איז אויפגעריסן, אָפן דאָס געשריי,
ווי אָפן ס'איז די ברוסט באַם טרעמפּ באַם דאַרן,
צעבראַסטעט ליגן דאַ די טראָטוארן
מיט האַרץ צעשניטענעם און מאָנענדיקן ווײ.

ס'איז באַערי די גאַס פון קלאָרע צער'ן,
דער אמת לויטערט זיך אין נאַקעטן געדריי,
פון אויגן שיינט אַרויס דער קלוגער „איך פאַרשטײ", —
ווי קאָן איך דאָ מיט פרײדיקייט זיך נאַרן?

ס'איז פשוט גיין מיט וואַקלענדיקע טריט באַם ראַנד,
דערנענטערן זיך פון ליכטיק אויסגעשטרעקטער האַנט, —
אַז גוט איז דיר דעם קלאָרן אמת וויסן.
דו ביסט דער לעצטער און דו ווייסט עס אַז דו ביסט
צו וואַלגערן דיין אויפגעריסן האַרץ אין מיסט, —
אַז גוט איז מיר, מיין האַרץ איז אויפגעריסן.

ווירבלראָד

אַ טאָג, — וואָס איז אַ טאָג אין ווירבלראָד פון טעג?
אַן אָפּגעריסן שטיק פון פינצטערע יסורים,
אַ בלינדער לאָמפּ אין שפּיץ פון וויסטן טורעם,
אַ שטרויכלשטיין דעם מידן וואָגלער אין זיין וועג.

אין שווערן יאָך פון טעג, געקייטלט פון יסורים,
געליכטיקט האָט זיך ווייט אַ הויפן יונגע טעג
מיט פליגלען ציטער־פלאַטערדיקע ווי אין שרעק —
די טויבן, מיינע ווייסע טויבן ציטערן אין שטורעם.

דער אויפגאַנג פונם טאָג איז אונטערגאַנג פון טאָג,
דער אָנהייב וויגט דעם סוף אין זיינע ברעגן
און וואָס איך רעד צו דיר אין טאָג און וואָס איך זאָג,
האָב איך דיר מער נישט, מער נישט וואָס צו זאָגן.
ווען נאָכאַמאָל וועט אָנהייבן צו טאָגן,
האָב איך שוין אויסגעזאָגט אינגאַנצן מיין פאַרמעגן.

הערי שעילפן

וואָס איז אַ מענטש?
און אַז דער מענטש, וואָס איז אַ ייִד, קומט פון קאָפּערעשט, —
וואָס איז ער? אַ. וואָס איז ער?
נעהייסן האָט ער הערשל. פּשוט, הערשל פון קאָפּרעשט.
ס'איז גוט צו הייסן הערשל, ווען פון איין זייט לויפן סטעפּעס
מיט ברויטן, דערפער, און מיט שניטערשען געזאַנג.
און פון דער צווייטער זייט דער דניעסטער
ווי אַ שוואַרצער סאַמעטענער גאַרטל.
און אַז מע הייסט נאָך הערשל נטע חלפנ'ס,
איז אוודאי און אוודאי גוט.
קאָפּרעשטער ייִדן ווייסן ווער ס'איז נטע חלפן.
דער ערשטער חלפן איז געווען דער ערשטער אין קאָפּרעשט
און זיין מצבה איז שוין האַלב פאַרזונקען אין דער ערד.

די חלפנס אין קאָפּרעשט ווי ס'ראָד פון וואַסערמיל:
די ציין אַריינגעביסן איינס אין אַנדערן.
דער אָנהייב ווערט דער סוף, דער סוף — דער אָנהייב.
דרייט דאָס ראָד זיך אויף דער אַקס
און וועט זיך אייביק דרייען.
די שטוב איז בייכיק פונם זיבנפּאַכיק לײם
און פּרוטיעס איינגעדרייט אין פּרוטיעס.
אַ וואַנט פון זיבן ווענט פון זיבן דורות.

דער דאַך האָט שינדל לאַטעס,
נאָר לעבן קוימען ליגט דער ערשטער שינדל.
פון שטוב אַ סטעזשקע
וואָס טריט פון זיבן דורות חלפן האָבן אויסגעטראָטן.
פאַרעשוועס הארטע, טשוועקעדיקע.
די סטעזשקע גייט אין געסל
און קומט צוריק אין שטוב
און רוט זיך אָפּ פון וועג באַ דער קרומער שוועל.

די פּנים'ער באַ יידן אין קאַפּרעשט
קוקן אָפּן ווי דער הימל אין אַ תּמוז־טאָג.
די אויגן זוכן נאָר אַ וואָלקן אפן הימל:
די ברויטן זאָלן אָף די פעלדער ניט פאַר'שרפ'ען.
די צווייטע וואָך אין חודש זוכן זיי דעם האַלב־רונד
פון דער ליכטיקער לבנה.
און ווייטער זענען אויגן רואיק.
זוכן גאָרנישט.
די גאַנצע וועלט איז אויסגעשפּרייט פאַר זיי מיט רחבות
און הינטער ד ע ר וועלט
איז דאָ אַן אַנדערע.
פאַרמאַכסט די אויגן, עפנט זיך די וועלט די אַנדערע
מיט ליכטיקע קאָלירן.
מיט זיידעס, עלטערזיידעס, מיט באָבעס, עלטערבאָבעס.

די גוים אפן ברעג קאַפּרעשט
וואָס וואוינען אין די ערדענע בורדייען
מיט הינט קודלאַטע, גויעס רויכיקע
און לוזשעס פאַר חזירים,
קומען אין די געסלאַך יידישע

צו קלאַפּן זיך מיט שווערע פויסטן אין די ברוסטן
און וויינען שכור, שעלטן די זשידאַנעס, —
אַז פרומע יידן זאָלן זיך דערמאָנען אינם גלות
און קצב־יונגען זאָלן זיי מיט העק פאַרטרייבן.

דעם זומערטאָג
עפּנט אויף די טשערעדע
און פאַרמאַכט אים מיט די פולע דאָינעצעס.
פּאָסעסאָרן אין די ברייטע לייוונטענע מאַנטלען
שפּאַנען רייטוועגעלאַך און בריטשקעס
צו שטויבן וועגן און צו קוקן ווי די זאַנגען
ווערן אָנגעפילט מיט קערנער,
פאַרנאַכט אהיימצוקומען און זיך זעצן אַף די גאַניקעס
טרינקען טיי מיט זאַנגענהערעלאַך צעווישן פינגער.

אַרום וואָקזאַל,
וואָס קוקט מיט רויטע ציגל אַף די סטעפּעס,
דרייען זיך די איידעמלאַך
מט שטעקעלאַך און קאַפּעלושן
און קעניגסבערגער טעלעגראַמעס
(אָן אַבטל קאָפּיקע אַרונטער,
נאָר עס וועט נאָך זיין אַ פּוריע).
פון ווייטנס קומען באַנען
מיט ליידיקע וואַגאָנען
און די קאָפּרעשטער סטעפּעס
פילן זיי מיט ברויטן אָן.

באַ דער בריק, —
איידער נאָך דער ערשטער רויך

שליינגלט זיך פון אַ קאַפּרעשטער קוימען,
שטייען יידן מיט פאַרהאַרטעוועטע פּנים׳ער
און וואַרטן אפן גוי
צו קומען פונם דאָרף
מיט אַ זעקל ברויט,
מיט אַ ביסל רעטשקע,
מיט אַ צענדליק אייער
אין אַ ציצענער פאַטשיילע מיט פאַפשוימעל.

אַז הערשל, פשוט הערשל, הייסט אצינדערט הערי,
אַז חלפן זיבן דורות הייסט אצינדערט שעילפּן,
איז ווידער דאָך: וואָס איז ער? אַ, וואָס איז ער?
אַ מענטש אָן אָפּגעריסענער.
אַ בוים, וואָס טריקנט אוים פון זיך דאָס לעצטע ביסל חיות.

אַ מענטש, וואָס טראָגט אַ גרויסן דימענט אין קראַוואַט
(אַ קאַראַט און אַ פערטל אויסגעשליפן
מיט קאַנטן, רויט און בלויע פייערלאַך
אין ווייסגאָלד איינגעפאַסט)
און קיינער וועט זיך נישט דערוועגן אים צו רופן אַנדערש
נאָר: מיסטער שעילפּן
און אונטערטראָגן אים דעם שמייכל:
נאַט, אַ שמייכל אָנגעמאָסטן נאָר פאַר אייך, —
אַ מענטש אַזאַ איז גאָרנישט •
און ווייסט:
ער — איז — גאָרנישט.

אַזוי, למשל, איז געווען די פּוסטע מיל,
וואָס איז געשטאַנען אין קאַפּרעשט באַם וואַסער:

ווענט. אַ ראָד. אַ דאַך.
און אינעווייניק — גאָרנישט.
און שדים האָבן אין דער מיל געטאַנצט.
און שדים טאַנצן אויך אין שעילפּנ׳ס האַרץ.

באַוואַקסן איז אַ מענטש מיט האָב און גוטס
ווי אַ קרעציקער מיט וואונדן.
דאָס ווייב טראָגט שעילפּנ׳ס רייכקייט
מיט מידער איינגעשפּאַרטקייט.
פון די פינגער אירע שרייען די בריליאַנטן.

די קינדער טאַנצן דזשאַז
און ווייסן נישט אַז שעילפּן האָט צעריסן
די זיבנדורותדיקע חלפן־קייט.
און אַז זיי וואָלטן שוין געוואוסט ?
זיי וואָלטן זיך געוואָרגן מיט דער „כעס״ :
קאַלפּן. טשאַלפּן. אָבער חלפן, פּשוט חלפן.
אַז שעילפּן קוקט אַף זיינע קינדער,
דאַכט זיך אים, אַז פון די אויגן זייערע
וויינט אַרויס אַ גרויסער עלנט.
פאַרפרעמדטע קינדער.
פליייש פון זיין פליייש,
בלוט פון זיין בלוט,
זיי גייען אַף דער וועלט אַליין,
די גאַס האָט זיך זיי איינגעגעסן אין די ביינער.
און פרעמד, פרעמד, פרעמד.
ווייל הינטער זיי גייט קיינער נישט.
ווייל שעילפּן האָט געבראַכט זיי אַף דער וועלט
און אָפּגעלאָזט.

די שטוב איז נאָר אַ טיר און שוועל,
אַ קרעטשמע אַפן וועג פון גאַס.
די בריק פון טאַטן צו דעם זון
איז נאָר דער טשעק.
דער קוק פון קינד איז קאַלט.
פאַרשלאָסן איז זיין הארץ.
דזשעיקעלע, דיין טאַטע האָט געזאַמלט אוצרות
און האָט פאַרלוירן דיך — אַ חלפן.
אָ, פּאַפּ, איי דאָנט אָנדערסטענד יו.
און דזשעיק הייבט אָן צו וואַרפן מיט די פיס
און פייפן שטיקער גאַס.
און נעטי האָט דער באָבע ברײַנע׳ס אויגן,
נאָר מיט קליינע שדים׳לאַך אין זיי.

גייט אוועק אַ מענטש פון הויז
און ווייסט אַז קיינעם לאָזט ער נישט אין הויז.
קומט אַ מענטש צוריק אין הויז
און ווייסט אַז קיינעם האָט ער נישט אין הויז.
ווייסט אַ מענטש
אַז אַפן וועג פון אָרטשאַרד סטריט צו ריווערסייד
האָט ער פאַרלוירן זיך
און ווייב און קינד.
פאַרלוירן דורות הינטער זיך
און דורות פאַר זיך.
פילט אַ מענטש אַז ווענט פון אייגן הויז
זענען זיינע שונאים.
זוכט אַ מענטש אַ וואַרעם אויג
און אויגן שטעכן אים.
שרייט אַ מענטש צו זיך אַליין:
גאָרנישט, קיינער וועט נישט הערן.

איז ווידער דאָך דאָס אייגענע:
אַ מענטש אָן אָפּגעריסענער.
אַ בוים אָן וואָרצלען
און צווייגן — פרעמדע, דאַרע, שטעכעדיקע.

אַז הערשל חלפן האָט געוואָלט,
האָט ער צוגעלייגט אַ הונדערט שינדלען אפן דאָך
פאַרקלאַפּט די שפּאַלטן.
די שטוב שטייט ווייטער.
פון קוימען דרייט זיך ווייטער דער שוואַרצער רויך
אַרויף צום הימל —
קאָפּרעשטער הימל.
און אַז הערי שעילפּן וויל,
בויט ער אויס אַ גאַנצע שטאָט.
גאַסן. עוועניוס. בולוואַרן.
שיקט ער מויערן אַרויף צום הימל
צו לעסטערן זיין בלויקייט.
צו שניידן פאַסנווייז זיין ברייטקייט.
איז הערי שעילפּן דאָך אַ כישופמאַכער.
אַ וואָרט — אַ הויז.
אַ מורא אַזש צו רעדן אַז ווערטער בויען הייזער.
פון איינסן און פון נולן וואַקסן שטעט.
אַ חשבון נאָר געמאַכט —
מיט בלייפעדער אַף פּראָסט פּאַפּיר.
אַ פּאַסיקל נאָר אונטערגעצויגן
און דינאַמיט רייסט שטיינער.
מאַשינען גראָבן און שפּייען אויס די ערד.
מאַשינען רייבן שטיינדלאַך אין צוינערדיקע בייכער
און ליידיקן זיך אויס מיט שיטערן צעמענט.

טראַקטאָרס שניידן גאַסן.
און מענטשן — הונדערטער. טויזנטער.
קיין שיער נישטאָ.
שטאָל און אייזן, שטיינער אויסגעטעסעטע,
ציגל. פענצטער. מירן .
פון זונאויפגאַנג און זונפאַרגאַנג
(פון צור און צידון, בבל און מצרים
האָט מלך שלמה אויסגעבויט פּאַלאַצן)
ברייינגט מען. פירט מען. שלעפּט מען .
און מענטשן. מענטשן. מענטשן.
פון טאָג ביז נאַכט פאַרהאָרעוועטע.
ווייל הערי שעילפּן האָט געמאַכט אַ חשבון.
צו איינסן נולן צוגעשטעלט
און אונטערגעצויגן אַ פּאַסיקל.

איז נאָכאמאָל דאָס אייגענע :
וואָס איז אַ מענטש ?
פּאַפּיר, בלייפעדער, איינסן, נולן.

אַ מענטש קאָן טרייבן מענטשן מיטן קוק.
אַ מענטש קאָן מיט דינאַמיט דאָס האַרץ פון בערג צערייסן.
באַפעלן קאָן ער און פון טייכן מאַכן טריקעניש
און טריקעניש צעשניידן מיט קאַנאַלן.
אַ מענטש דאַרף הייסן הערי שעילפּן
און וויסן ווי אַזוי אַף פּראָסט פּאַפּיר
צו איינסן צוצושטעלן נולן.

און אַז דער אייגענער, דער הערי שעילפּן
וועט בלייבן זיצן אין דער היים

אליין אין ווייבן פּאַטער־שטול,
וועט דרייען זיך פאַר זיינע אויגן
אַ ראָד פון איינסן, נולן, שטיינער, הייזער.
און פון זיין האַרץ וועט פוסטקייט שרייען.
און פרעמד וועט זיין דער נאָמען: הערי שעילפן.
דער גרויער קאָפּ וועט פאַלן נידעריק
באַיאַכט פון גאַסן. עוועניוס. בולוואַרן.
די אויגן וועלן מידע זיך פאַרמאַכן
זיך קיינמאָל נישט צו עפענען.
און דאַכטן וועט זיך אים אַז זיינע אברים
צעפאַלן זיך: די הענט באַזונדער.
די פיס באַזונדער.
און יעדער אבר גייט זיין וועג
און ער אליין בלייבט גאָרנישט —
אַ ראָד פון איינסן און פון נולן.

אַז הערי שעילפן וויל, — און אפשר וויל ער גאָרנישט?
דער כח איז נישט זיינער, נאָר דעם פּאַפּיר׳ס.
דער כישוף איז אין איינסן. נולן.
און ער אליין איז נאָר אַ נול וואָס דרייט זיך אינם ראָד.
מיט מידעביינער דרייט ער זיך.
מיט פרעמדע הענט.
מיט אויגן אויסגעלאָשענע.

„גוד מאָרנינג, מיסטער שעילפן".
דער איטאַליענישער קאָנטראַקטאָר מיט שוואַרצע אייגלאַך —
צוויי טאַנצנדיקע נולן.
דער שמייכל קריכט אים אויף די ליפּן ווי אַ שליינגל.
„גוד מאָרנינג, מיסטער שעילפן"

און „מיסטער שעילפּן" ציט ער אוים פּאַמעלאַך
ווי ער וואָלט געגעסן אַ געשמאַקן מאכל.
אַ גליק האָט אים געטראָפן:
מיסטער שעילפּן.
און וואָס וועט זיין אַז מיסטער שעילפּן וועט אים זאָגן:
איך בין אַ נול. אַ נול?

אַז הייזער וועלן האַלטן מענטשן אין די בייבער.
אַז גאַסן וועלן לויפן כאַפּן גאַסן.
אַז שטיינער וועלן ברענען.
אַז לאָמפּן וועלען פיבערן
און מענטשן וועלן יאָגן זיך אף הייסע קוילן.
וועט מיסטער שעילפּן קומען און וועט זאָגן:
איך הייס אויפהערן.
איך האָב באַשאַפן
און איך וועל אומברייננגען.
וועט ער קאָנען? וועט ער?
איז קומט ער דאָך צוריק:
אַ מענטש איז גאָרנישט ווען ער איז עפּעס.
אין פּאָטער־שטול באַנאַכט צעלויפן זיך זיינע אברים
און ס'בלייבן נאָר די גרויע האָר צו שטעכן
און ס'פּוסטע האַרץ צו נאָגן און צו שרייען:
איך בין פּוסט.

אַ פּראָסט פּאַפּירל
און מיסטער שעילפּן שרייבט איינסן, נולן.
פון אונטער זיינע פינגער רייסן זיך געביידעס.
דאָס פּאַפּירל פליט שוין מיטן ווינט
צו וויסטע שטיינערדיקע ערטער.

נאָר מיסטער שעילפּן לויפט עס נאָך
און קרעמפּט עס איין אין זיינע אַלטע פינגער:
ער לאָזט נישט. ער, מיסטער שעילפּן, לאָזט נישט.
צינדט אָן אַ שוועבעלע
און הייזער ברענען. ברענען.
אַ רגע.
אַש.
אומגעבראַכט.
פון מיסטער שעילפּנ׳ס אויגן שפּרינגט די פרייד:
פאַרברענט.
ער איז אַ כישופמאַכער: בויט און וואַרפט.
אָפּגעשטעלט דאָס ראָד.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָר אַנדערע פּאַפּירלאַך ליגן אויפן טיש
און לאַכן מיט אַ ווייס געלעכטער.
דאָס בלייפעדער שטעכט מיטן שפּיץ.
פאַרברענט נאָר אַ פּאַפּירל, אַ פּאַפּירל.

איז וואָס זשע דאַרף אַ מענטש, וואָס ווערט דערשטיקט אין יאָך
פון הייזער?

אַ מענטש דאַרף הייסן הערשל חלפן,
פּשוט: הערשל פון קאַפּרעשט.
אַ מענטש דאַרף אומקערן זיך צוריק צו זיבן דורות חלפן
און שטעלן זיך מיט זיי:
דער אַכטער חלפן.

און אַז אַ מענטש האָט שטעט געבויט,
שטעט, וואָס מאַכן פון אים חוזק,
שפּעטן אָפּ פון אים, זייער באַשעפער, —

פאַרוואָס זאָל ער נישט בויען זיין קאַפּרעשט?
פאַר זיך אַליין קאַפּרעשט?
די שטיבלאַך וועלן ווי אַמאָל אויף געסלאַך רוען
און געסלאַך וועלן גייען אין דער ווייט
צו סטעפּעס, צום דניעסטער. צום בית עלמין.
דער עמער וועט זיך הוידען איבער דער קרעניצע
און שפּיגלען זיך אין קלאָרן וואסער.
די אַלטע שול וועט בייגן זיך צו באַרג־אַראָפּ
און שרעקן מיט איר אַלטקייט. רופן מיט איר היימישקייט.

די שטוב, די אייגענע, די חלפן־שטוב,
וועט טראָגן אונטער דער סטרעשענע
למדנות. פאַרטראַכטקייט. מרה־שחורה.
און זיבן דורות חלפן וועלן אומשפּאַצירן
אין זיידענע געבלומטע שלאָפרעק
איבער די חדרים.
די פריזבע וועט זיך וואַרעמען באַטאָג אויף דער זון,
אַ שטילע, אַ געבויגענע, ווי די עלטער־באָבע.
די פענצטער וועלן זאָגן צו דעם געסל:
אַ גוט־מאָרגן. אַ גוטע־נאַכט.

איז וואָס זשע דאַרף אַ מענטש?
אַ מענטש דאַרף הייסן הערשל חלפן.
אַ מענטש דאַרף אויף דער עלטער בויען זיך אַ ניי־קאַפּרעשט
פאַר זיך אַליין קאַפּרעשט.

און איבער הערי שעילפנ׳ס גרויען קאָפּ
איז אויסגעוואַקסן נאָך אַ קאָפּ,
אַ יונגער, בלאָנדער, קרעפּטיקער,

וואָס ליכט האָט ער געטראָגן דעם געדאַנק:
ניי־קאָפּרעשט.
פון ווענט באַשאָטנטע מיט הויקערס
האָבן ווייסע טויבן מיט די פליגעלאַך געפּאַכט.
הערי שעילפן. —
ס'איז שטיל אין גאַס. פּאַרטאָגיק.
פון ווייטנס אַ פאַרטויבט גערויש:
ס'ברומט דאָס אינגעווייד פון שטאָט.
אַזוי איז הערי שעילפן: אַ טויבער קלאַנג.
דערווייטערט איבער שטרעקעס.
דער נאָמען איז געלעגן אויף די פּלייצעס ווי אַ מויער
און איצט איז ער נישטאָ.
אָט נישטאָ.
אין פאָטערשטול זיצט הערשל חלפן.
אין בעט וועט שלאָפן הערשל חלפן.
אויפשטיין וועט מאָרגן הערשל חלפן.

אַ שטראָם פון וואַרימקייט פאַרפלייצט דאָס האַרץ
ווי אינעווייניק וואָלט אויפגעשיינט אַ זון.
די אויגן קוקן ליכטיק.
אַ קאָפּ און נאָך אַ קאָפּ.
ווייטן שפּרייטן זיך פאַר זיי.
אַ האַרץ און נאָך אַ האַרץ.
אַנו, ווי האָט געזונגען דער אַלטער חזן אין קאָפּרעשט?
כבקרת רועה עדרו.
מיט אַ קנייטשעלע אויף עדרו.
און אַלע חלפנס האָבן זיך געציקלט:
עדרו.

האָט אויסגעבויט אַ מענטש פאַר זיך אַ ניי־קאַפּרעשט
מיט קרומע געסלאַך ווי זיי וואָלטן נישט געוואוסט וואוהין צו גיין.
ליימענע, פאַרטראַכטע שטיבלאַך.
דעכלאַך שינדלענע, וואָס גליטשען זיך אַרונטער.
דעכלאַך שטרויענע ווי פּעלצן.
די אַלטע שול מיט קיילעכיקע שויבן.
און חלפנ׳ס שטוב
מיט ברייטע, באַלעבאַטישע חדרים.
מיט ווענט צעשפּאָלטענע, פאַרשמירט מיט ליים,
וואָס קוקן אויס ווי אָדערן אויף מענערישע הענט.
ניי־קאַפּרעשט.
האָט אויסגעזוכט אַ מענטש חברים פון קאַפּרעשט
די שמואל־סעמס און מענדל־מאַיקס.
אנו, חברה,
אַראָפּ פון באַרג. אַרויף דעם באַרג.
מיר שפּילן איצט אין בלענדעניש
אין הויף פון אונדזער שול.

האָט אויסגעזוכט אַ מענטש חברים פון קאַפּערשט
און צאָלט פאַר יעדער שעה זיך שפּילן אין קאַפּרעשט.

ווידערקולן

ווידערקול

איך האָב אַריינגעזונגען אין דער שטאָט
מיין ערדיק־פויערישן טראָט,
אַריבער דעכער האָב איך אויסגעשפּרייט
די פליגלען פון מיין פעלדער־פרייד.

אויף שטיין פון גאַס און שטאָל פון ווענט
האָב איך די לעצטע זון פאַרברענט,
די לעצטע זון, דעם גאָלדנשטויב
און נאַכטיק שווייגט אצינד מיין שויב.

און וואָס איך רעד אצינד און זאָג,
איז ווידערקול פון לעצטן טאָג
אויף סטעפּ וואָס כוואַליעט זיך אין טאָל, —
איז ווידער־ווידערקול.

דיטריך און איזעלינע

(פון האַמסונ׳ס „פּאַן״)

ס׳איז געווען אין וואַלד באַגינען,
ברעג פון וואַלד האָט ערשט געטאָגט,
דיטריך פירט זיין איזעלינען
בא דער בלייכער האַנט און זאָגט:

„איזעלינע, זיבן קרייזן
האָט ארומגעקרייזט די ערד,
און מיין הארץ איז נישט פון אייזן,
נאָר א הארץ וואָס דיך באַגערט.

„דיטריך גייט אין ווייטע ים׳ען
מיטן שטורעם און געיעג,
ווארפן זיך אף ווייסע קאַמען
זיינע בייַנקענדיקע טעג.

„זינדיק זענען ווייטע פּאָרטן,
וואו עס אנקערט דיטריכס שיף,
אָבער דיטריכס הארץ איז דאָרטן
ווי פאַרשליידערט אף א ריף״.

דיטריך רעדט צו איזעלינען,
אָבער איזעלינע שווייגט,
און די סאָסנע־ביימער גרינען
און דער דעמב איז ברייט־צעצווייגט.

גיט אַ ציטער איזעלינע:
ס'קומט פון ווייטנס יעגער גלאַן,
זיינע אויגן זענען גרינע
ווי די אויגן פונם פאַן.

ס'איז זיין באָרד ווי קופער־פעדים,
וואָס דאָס פייער האָט צעקעמט.
וואָס איז ער? אַז ס'ווייסט דער שד אים,
דאַכט זיך בייז און דאָך פארשעמט.

ס'האָט צעפּאַטלט איזעלינע
אירע האָר מיט טראָפּנס טוי
און מיט ליבע — אַזש מיט שנאה
דיטריכן געזאָגט אַזוי:

„זעסט דעם יעגער דאָרטן שפּאַנען,
ווי דער קעניג פונם וואלד,
אָבער איך וועל הייסן גלאַנען
מיינע שיך פארבינדן באלד".

„טאָמאָס גלאַן, פארבינד די שנירלאַך,
מיינע שיכלאַך זענען לויז.
זאָג מיר, וויפל גרינע טירלאַך
האָט אין וואלד דיין יעגער־הויז?

„איך וועל קומען דורכן קלענצטן,
נאָר צו קוקן וואָס דו טוסט,
באַ דעם שטאַרקסטן, באַ דעם שענצטן
וועל איך ליגן אַף דער ברוסט".

איזעלינע רעדט צו גלאַנען
מיט אַ פּאַס פון זון באַשטראַלט:
„קום מיט מיר אַוועק פון דאַנען
טיפער אין גערדיכטן וואַלד".

פלוצלונג: „ס'וואַרט דאָך איזעלינע,
לויז די שיך אַף אירע פיס,
אירע שנירלאַך זענען דינע,
אַז דו בינדסט נישט, נאַ, דערשיס".

דיטריך וואַרט אין וואַלד פון ווייטן
און אַ שעה פון טאָג פאַרגייט,
איזעלינע קומט צורייטן
אַף אַ זייל פון רויטער פרייד.

דיטריך נעמט זיין איזעלינען
באַ דער האַנט און זאָגט צו איר:
„נישט די טרערן מיינע רינען,
נאָר עס שיינט דער טוי פאַר דיר.

„דיינע שנירלאַך שוין פאַרבונדן,
איזעלינע, קום אַצינד,
ס'האָט דער וואַלד זיך אָנגעצונדן
מיט דער רויטער זון פון זינד".

דער באַרג פון ליכט

מצבות איינגעפאַלענע, פאַרהויקערטע
צופוסנס אים און אויף זיין קאַרק —
פאַרגרויטע דורות, איינגעוואַקסענע
וואָס דראַפּען זיך אַרויף דעם באַרג.

די זון — אַ שמייכל אויף דער אייביקייט,
די נאַכט — אַ דעק אויף איר געזיכט, —
דעם אוצר שיין אין קברים איינגעשטיינערטע
געוואָרעמט האָט דער באַרג פון ליכט.

פון דורות אָפּגעשפּאָרט צוביסלעך ליכטיקייט
און איינגעהיט אין זיך דעם שיין,
אַז ווען דער טאָג וועט קומען אין זיין ווייטיקייט
זאָל ליכטיק זיין, זאָל ליכטיק זיין.

און אויפגעשטראַלט אין קרוינענדיקער זוניקייט —
דער באַרג פון ליכט האָט זיך צעברענט,
מצבות האָבן אויפגעשיינט, מצבות פינצטערע,
מיט פונקען שפּילן אהל־ווענט.

פאַר דורות שטיינער, שטומע, אויסגעַ'קבר'טע
איז איצט דער באַרג פון ליכט געקרוינט,
צופוסנס אים — אַ שאַטנדיקע, דאַרשטיקע,
פאַרטוליעט שטייט די וועלט און שטוינט.

אַזוי פיל ליכט, אַ גאַנצער באַרג אַ שטראַליקער,
דו נעמסט אַ שטיין, גייט אויף אַ שטראַל,
מיט עמערס שעפּ, אין פעסער גים די ליכטיקייט,
פאַר וועלטן איז גענוג דער קוואַל.

און ס'ציען איבער ימים און מדבריות
די וועלטן דאַרשטיקע נאָך שיין,
צום באַרג פון ליכט, צום באַרג פון גרויער אייביקייט,
וואָס לויכט פון דורות'דיקער פּיין.

אבשלום

אבשלום׳ס האָר פאַרפּלאָנטערט אין די צווייגן
ווי א הערש מיט זיינע זינגענדיקע הערנער.
אבשלום׳ס האָר די וואָוילגערוכיקע
וואָס האָבן וויין אַריינגעגאָסן אין די קעפּ
פון ירושלים׳ס שענסטע טעכטער.

ווי אַ בייזער רויבער יאָגט זיך יואב
מיטן בויגן אָנגעצויגן,
מיט די פיילן אָנגעשאַרפט.
וויינט, ירושלים׳ס טעכטער,
אבשלום הייננט אַף צווייגן
און די פייל איז אין זיין איידל לייב געצילט.

קעניק דוד׳ס שרעק וועט ליגן אינם וואַלד
מיט א דורכגעלעכערט האַרץ.
חיות וועלן רייסן ס׳פייער פון זיינע אויגן.
די חכמה פון זיינע ברעמען.
באַוויינען וועט אים קעניק־דוד מיט א קאַפּיטל תהלים
און טרייסטן זיך מיט בת שבע׳ס לייב.

אבשלום — מיד איז ער פון אייביקער מרידה
און גוט איז אים צו הייגגען דאָ אַף צווייגן

און ווייסן אז די פייל וועט לעכערן זיין הארץ.
אף ירושלים׳ס שענצטן בארג
איז אויפגעשטעלט זיין טורעם.
איז אָנגעביילט זיין פויסט.
אז אבשלום וועט אנשווינגן ווערן,
וועט פויסטיקן זיין האַנט פון טורעם
מיט שטומער שרעק פאר דוד׳ן
מיט פינצטערע דערמאָנונגען פאַר שלמה׳ן.

אבשלום׳ס האָר פארפלאָנטערט אין די צווייגן.
ירושלים׳ס טעכטער, וויינט אף דער רו
וואָס קומען וועט אין זיין הארץ
אינאיינעם מיט דער פייל פון יואב׳ס בויגן.
וויינט אף דעם פארלאָשן פייער
פון ירושלים׳ס אויפשטאנד אייביקן.

דער פֿאַסטעך טימאָפֿעי

לאָמיך אײַך אַצינד דערציילן
פֿונם פֿאַסטעך טימאָפֿעי,
וואָס איז זעכציק יאָר געשלאָפֿן
אױף אַ טרוקן ביסל העי,
צי אױף גראָז, אַ שטיין צוקאָפּנס,
צוגעדעקט מיט אַלטע זעק,
און דער אויסגעקאַרבטער שטעקן
איז געווען זיין גאַנץ פֿאַרמעג.
מיט די ווינטן זיך גע'חבר'ט,
מיט די לעמעלאַך געשפּילט
און געלאַכט מיט ברוסט און אַקסל
ווען זיין הונט האָט זיך צעבילט.

אויסגעהאַקט האָט ער אַ יאַדלע
מיט אַ זעכציק יאָר צוריק
און אַ באָרוועסער געקומען
אױף דער צווייטער זייט פֿון בריק
פֿרעמדע שאָף און רינדער פּאַשען
אױפֿן בלוי־באַזוימטן סטעפּ,
פֿרעמדע קעז און פּוטער קלייבן
אין די לאַדישעס און טעפּ,

ווייל דאָס האַרץ האָט אים געצויגן
צו די לעמעלאַך און שאָף,
ווייל דער סטעפּ האָט טויזנט פאַרבן
אין זיין ליכטיק קלאָרן סוף
און דערפאַר נאָך וואָס דער שטעקן
איז אַ יאַדלענער געווען
ווי דער שטעקן באַ דעם פּאַסטעך
אינם דערפל ווערטוזשען.

יונגערהייט אַ ליכטיק פּנים,
אויגן בלויע ווי דער סטעפּ,
האָר ווי אויסגעגילדטע זאַנגען
און געוואַקסן — פלעכט נאָר יצעפּ.
זומער באָרוועס, ווינטער שמאַטעס
אַף די ברוינע, האַרטע פיס
און דער קאָפּ אַנטבלויזט, דערהויבן —
פלאַקער זון און רעגן גיס,
ווירבל שטורעם, יאָג זיך וואָלקן,
צאָרנדיקער דונער קראַך,
אַז ס'איז דאָ נאָר ערד און הימל,
דאַרף נישט טימאָפּעי קיין דאַך.

פרילינג שניידן זיך די שטראָמען
פון די בערג אַראָפּ צום טאָל
מיט די וואַסערן די מוטנע,
נאָר מיט קלאַנגען ווי קריסטאָל.
זיי צעאָדערן דעם באָדן,
פאַסעוועןן דעם שווארצן גוף.
וואָס זיי פלאַפּלען און דערציילן,

קומט ווי פון דער ווייט אַ רוף,
פון דער ווייט וואָס האָט געווינטערט
אויף דער צווייטער זייט פון סטעפּ,
וואו די מענער שפּאַרן אונטער
זיבן הימלען מיט די קעפּ.

שאָף מיט שווערע מוטער־בייכער
און מיט היינגענדיקער וואָל
טראָגן קוים אין זיך די משא
און פאַרבלעקערצן דעם טאָל.
שאָף איז מוטער, ערד איז מוטער,
מוטער איז דער בוים אין פעלד,
אַלע וועלן זיי געבערן,
אויפן סטעפּ און אין געצעלט.

טימאָפעי — דאָס האַרץ איז אָפן
פאַרן פרילינג אָנגעבריים,
הערט זיך צו ווי שטראָמען לויפן
אָפּגעריסן פון אַ קייט.
זעט די גרעזלאַך ווי זיי שפּראָצן
מיט אַ שעמעוודיקער פרייד,
שאָף וואָס ליגן מיט די בייכער
אויף דער רויטער זון צעשפּרייט.
ווערט ער ווי צונויפגעגאָסן
מיטן סטעפּ און גרינעם גראָז,
איז אים גוט און ווייסט אַליין נישט
צי ס'איז גוט און נאָך פאַרוואָס.
כאַפּט דעם באַראַן פאַר די הערנער:
זע די טראָגעדיקע שאָף.

נאָר דער שוטה מיטן בערדל
איז פאַרטאָן אין פוילן שלאָף,
רייסט ער אויף די מוטנע אויגן, —
מע, די הערנער לאָז צורו,
צופּט אים טימאָפּעי דאָס בערדל:
שאָף מיט בייכער, שוטה דו.

קומט אַמאָל אַ נאַכט אין פרילינג —
אַ רחמנות אַזאַ נאַכט,
אָפן אויסגעבלייכטן בראָכשטול
עפנט אויף די ערד איר טראַכט
און געבערט מיט מוטער־ווייטיק
וואָס געבערן איז באַשערט,
ווינטער זאָמען אויסגעטראָגן
און דער פרילינגס־וויי געבערט.

בלויער צער. פאַרבלייכטע וואונדן.
אָפן איז דאָס האַרץ פון טאָל.
טראָגן שאָף די נאַכט פון פרילינג
אין דער איינגעקנוילטער וואָל.
שאָף אָף שטרוי. די אויגן אָפן.
בייכער ברענען אויס דאָס שטרוי.
אַז מען דאַרף מיט וויי געבערן,
דאַרף אַוודאי זיין אַזוי.

יענע נאַכט — דער רויך פון לולקע
קרייזלט זיך אין זיין געדריי.
מיט געקרייזלטע געדאַנקן
אָף אַ שטיין זיצט טימאָפּעי.

מיט אַ רואיקער דערוואַרטונג.
פּיפּ — אַ רויך און פּיפּ — פאַרגייט.
ווי אַ קנויל פון פוכקער בייוול
ליגט דער הונט צונויפגעדרייט.

טימאָפעי — אַליין אַף סטעפּעס,
קומט אין דאָרף נאָר נאָך טוטון,
ווייסט אַז ער וועט זיין אַ טאַטע
איידער אויפגיין וועט די זון.
אַז טאַראַסקאַ ברייבגט צוטראָגן
דעם צעשויבערטן בייסטרוק,
גיט ער פרעמד און אָנגעברוגז'ט
פון דער זייט אַף איר אַ קוק
און דערלאַנגט דער בלאָנדער שיקסע
פוטער, קעז, און עוף, און איי,
אַ צעפּאַסעוועט פּוזיטל —
נאַ, טאַראַסקאַ, נעם און גיי.
פרעמד טאַראַסקאַ און קירילקע,
כאָטש ווי ער איז בלאָנד דער יאַט,
כאָטש אַף שטרוי בא אים אין סטינע
האָט טאַראַסקאַ אים געהאַט.

ניט אַ שניט — ס'ערשטע קלאָרע,
וויים־געוואַלגערטע אין שניי
לעמעלע איז אָנגעקומען.
קאַרבט דעם שטעקן טימאָפעי
און באַזאַלצט דאָס ווייסע פעלכל
מיט אַ ווייסן, בליאַסקן שפּריי.
לעקט די שאָף דאָס זאַלץ. די לולקע
רויכערט ווייטער טימאָפעי.

יאָרן זענען שטעקנס, קאַרבן,
ווינטערס־זומערס זענען זיי,
ס'האָט דער סטעפּ אַזוי פיל פאַרבן
און דעם סטעפּ האָט טימאָפעי.
אָפּגעציילט שוין זעכציק שטעקנס,
זעכציק שטעקנס אויסגעקאַרבט,
דער איינאונזעכציקסטער שוין ציטערט
ווען דער רויטער זומער שטאַרבט.

טילטאָן

א

געקרייזלט איז דער צייטיקער טילטאָן,
ווי בײַ אַ קינד די גאָלד־געקרויזטע האָר,
ער צייטיקט זיך און גאָלדיגט זיך אַזוי
דאָס פערטע מאָל שוין היינטיקס יאָר.

און ביז דער שפּריירעגן וועט קומען אינם לאַנד
וועט ער זיך אפשר צייטיקן צום פינפטן מאָל,
ווייל ס'שטראָמען דאָ אַהער די וואַסערן פון בערג
און אויבן פאַר דער זון איז אונדזער טאָל.

ב

אַ קאַלטע שלאַנג האָט זיך געלייגט אינמיטן וועג,
די קאָסע גיט אַ האַק און ס'שפּרינגען אין דער הייך
צוויי שטיקער פון דער שלאַנג און ס'שפּריצט פון זיי מיט טוי.
זיי בלייבן אויף דער ערד פאַרפרוירענע און בלייך.

און ווייטער באַרג אַרויף איז שטיינערדיק דער וועג,
די אײַלבירטביימלאַך שוואַרץ, פאַרפרוירן אויף דער ערד,

ווי שטיקער פון דער נאַכט. די דערנער אף דער ערד,
ווי אויסגעשפּרייטע, שטעכעדיקע, גרויע בערד.

ס׳גייט הינטער אונדז די נאַכט, אַ וואַכיקע אזא,
מיט אייפערזיכטיקע און ציטערדיקע טריט,
אַנטקעגן אונדז קומט אָן דער טאָג מיט בלייכן שיין
און ס׳דאַכט זיך אַז געבוירן ווערט ער שעמעוודיק און מיד.

ג

אין טאָל. פון נעכטן שטייען סקירדעס
ווי שאָטנדיקע דעבעלאַך צעשפּרייט
און ס׳דאַכט זיך מיר זיי זענען וואַך צו יעדן שאָרך
פון זונעדיקן טאָג וואָס גייט.

און צווישן דעם געצייטיקטן טילטאָן
ווי שמאָלע געסלאַך ציען אין דער ברייט,
פון נעכטן בלאָנזשעט אום נאָך דאָ
אַ ניט פאַרשטערטע אונדזער פרייד.

ד

די קאָסעס כוואַליען זיך אין זון,
די גאָלדן־זאַנגען פאַלן אף דער ערד, —
אינמיטן ליגט אַ „פּאַראַזיט“
וואָס האָט דאָס גראָז אַרום פאַרצערט.

מיט געלן שפּינוועבס האָט ער זיך פאַרשפּרייט
און אויסגעזויפּט פון גראָזן גאָר די קראַפט, —

אליין אין דרערד קיין וואָרצלען נישט געלאָזט
האָט ער צעוואַקסן זיך פון פרעמדער זאַפט.

און אונטער אים — דאָס אויסגעצערטע גראָז,
די ערד — צעשפּאָלטן און פאַרדאַרט, —
ס'ע האָט דער געלער פּאַראַזיט
דער זון דעם וועג צו זיי פאַרשפּאַרט.

ה

דער קאַמיליאָן —
דער טויזנטפאַרביקער,
דער אַלערליי קאָלירטער, —
אויף גראָז — אַ סאַמעט־גרינער,
אויף דרערד — אַן ערדיק־שוואַרצער,
אויף שטרוי — אַ גאָלדן־געלער,
אויף ראָסט — אַ רויט־פאַרראָסטער.
דער קאַמיליאָן,
וואָס אַלע פאַרבן זענען זיינע
און ער אַליין — אָן פאַרב און אָן קאָליר,
דער קאַמיליאָן
ליגט איצט אויף מיין פאַרברענטער האַנט,
און צאַפּלט זיך פון מיינע אָדערן,
פון אויפגערייצטן בלוט אין זיי,
פון דער דערמידטער פרייד
אין טיאָכבעדיקן האַרץ.
דער פאַראַזיט פון פאַרבן.
דער קאַמיליאָן —

ו

פון פאַרנט קומט די זון,
פון הינטער מיר די פרייד
און בײַ די זייטן דער טילטאַן
געקרייזלט רואיק שטייט.

אַ גאָלדן בליאַסק פון זון,
אַ ציטער פון טילטאַן,
ס׳ווערט ציטערדיק צעשפּרייט
דער נאַכטיקער טומאַן.

מײַן קאַסע איז געשאַרפט,
מיט וואַסער פול מײַן דזשאַר,
די זון גייט אויף היינט רויט,
וועט היים זײַן היינט דערפאַר.

וועט טריקענען טילטאַן,
פון הייסער זון געברענט, —
אָ, ברײַנג כּאַטש, גאָט, אַ פרישן ווינט
און שטאַרק מיר מײַנע הענט.

זיבעציקער

וואַרימען זיך זיבעציקער יאָרן באַם קאַמין
מיטן שיין פון זונפאַרגאַנג אױף גרויע האָר.
רויט דאָס פייער. רויט די זון.
רויט דער בעי צופוסנס פון דער זון,
נאָר די זיבעציקער זענען געל.
איינגעשרומפן אין די וויגשטולן
מיט די נאָזלעכער ווי פליגלען מידע.
מיט די אויגן ווי דער בעי נאָך זונפאַרגאַנג.

רעדן זיבעציקער יאָרן פון געווען אַמאָל .
ציען זיבעציקער יאָרן יאָרן ווי קאָלירטע סטענגעס.
שפּילן זיך מיט זיי ווי קראַנקע קינדער,
נאָר פון שפּעטער שווייגן זיבעציקער יאָרן,
ווייל דער שפּעטער וויגט זיי אין די שטולן
און פאַרשלעפערט און פאַרשאָטנט זיי באַם פייער.

איינגעשלאָפן זענען זיבעציקער יאָרן.
ס'פייער אין קאַמין איז אויסגעגאַנגען.
שטולן וויגן זיך נישט מער.
נאָר קאָלירטע סטענגעס טאַנצן אין אַ צירקל
און דער שפּעטער, ווי אַ קאַץ מיט גרינע אויגן,
קנוילט זיי. קנוילט.

א ייד פון בערשאַד

א ייד פון בערשאַד.
נאָך גאָר א יונגערמאַן געווען,
דאָס פּירקאַנטיק שוואַרצע בערדל
האָט דאַכט זיך ערשט אַרויסגעשפּראָצט.
די אויגן, ווי דאָס בלוי־געוועב פון בערשאַדער טליתים,
האָבן דאַכט זיך ערשט די וועלט דערזען
און זיך גע׳חידוש׳ט: אַך, א וועלט,
א חידוש׳דיקע וועלט.

ווי הייסט א ייד?
מ ר ד כ י.
און וואָס פאַרקויפט א ייד?
טליתים. בערשאַדער טליתים.
און, אַז א ייד פאַרקויפט טליתים
און קומט פון בערשאַד וואו מען וועבט טליתים,
איז דאַכט זיך אף זיין פּנים ליגט א טלית אויסגעוועבט,
א זיידענער, בלוי־פּאַסיקער.
און אַז א בעלצע ייד קוקט אָן א טלית,
א נייעם, ערשט געבראַכט פון בערשאַד,
ווערט פול זיין האַרץ מיט הייליקן דרך ארץ.
דאָס דין־געוועב איז פאָרכטיג אָנצורירן

מיט הענט וואָס האָבן וואָל און פּעלעכלאַך געהאַלטן
און גראָבע לייוונט אויסגעטאַפּט
אַף בוזימער באַ גויעס.

אַז אַלע מרדכי'ס קאָנען הייסן מאָטעל,
צי מאָטקע, מאַטעס אָדער מאָנעס,
איז מרדכי דער טאַלייסניק מרדכי,
דער איינציקער אין בעלץ אַ מרדכי.
האָט מרדכי דער טאַלייסניק זיך גע'חידוש'ט
מיט די אויגן זיינע בלויע
און מיטן בערדל דעם פיר־קאַנטיקן:
אַ מדינה דאָס בעסאַראַביע,
דאָס גלעזל וויין צעגייט זיך אין די ביינער,
די מאַמאַליגע שווימט אין פּוטער,
ד ברינזע איז ווי שניי נאָר־וואָס געפאַלענער.
פאַרגרעבטע יידן, הענט פאַרהאַרטעוועטע,
נאָר אַז זיי גיבן שלום, ווערט וואַרעם אפן האַרצן,
און היימיש איז דער מאָלדאָוואַן,
אַ פּראָסט באַשעפעניש, אַ דאָרפישע בהמה,
נאָר אַז ער זינגט אַ וואָלאַך, אַ פאַרניאַלאַ,
פאַרגייט זיך אין אַ דאָינע,
נעמט ער די נשמה דיר אַרויס.

און אַז א ייד איז אַ טאַלייסניק,
איז דאַרף ער דען אין בערשאַד לעבן?
טליתים קאָן ער דאָך באַציען
און לעבן דאָ אין בעלץ
און טרינקן וויין און עסן מאַמאַליגע
און לערנען זיך באַם מאָלדאָוואַן

דעם וואָלאַך און די דאַינע.
וואָרים נאָך אין בערשאַד באַ דעם וועב־שטול
האָט מרדכי אין די פּאָסן לידער איינגעוועבט
און שטיקלאַך פונם דאַווענען,
געציקלטע, פאַר'צער'טע.
און אַז אַ טלית, זיינער אַ געוועבטער,
איז אויסגעשפּרייט געווען,
האָט מרדכי פּאָדים־ווייז געזען די קלאַנגען.
אַ קלאַנג אַ פּאָדים. אַ פּאָס אַ שטיק געזאַנג.

איז דאַכט זיך, אַז אַ ייד פאַרקויפט טליתים,
דאַרף ער זיך באַזעצן צווישן יידן?
נאָר מרדכי האָט זיך גאָר באַזעצט
אין געסל דעם ציגיינערשען,
וואו שטיבלאַך ליימענע מיט דעכלאַך ערדענע
אַף רויטע פּריזבעס הויערן
און קוקן מיט פיר־עקאַכדיגע פענצטערלאַך
ווי שאָף פאַרשלאָפענע
אינמיטן זומערטאָג אַף פּאַשע.

אַ שיינער איינפאַל פון אַ יידן
זיך חבר'ן מיט גוים
און קומען דאַווענען אין שוחט'ישן בית־מדרש
(חבד'ניקעס וואָס זאָגן נישט קיין פּיוט
און ציען די יניקה פון לאַדי)
און זומער ברענגען דעם גערוך פון עפּל־ביימער
און ווינטער אין דער באָרד דעם רויך
פון שאָפּענעם טוזיק.
וואָלט אפשר אין בית־מדרש זיך אָפּגעזוכט

אַ שיינער ייד וואָס וואָלט אים שוין געזאָגט:
ניט שיין, אַ ייד האַנדלט מיט טליתים.
האָט אָבער מרדכי זיך באַוואָרנט:
פאַרקויפט דעם לעצטן טלית
און נאָר געהאַלטן זיך באַם נאָמען —
דער טאַלייסניק.

און וואָס איז מיט פּרנסה?
איז ווידער דאָ דער גוי.
אַ זעקל ווייץ, אַ מעסטל גערשטן,
אַ לעמעלע, אַ ביסל וואָל, —
אַבי מען שטייט נאָר באַ דער בריק,
איז מיט פּרנסה שוין קיין דאגה נישט.
נאָר אַז סע קומט דער פאַר־יום־טובים,
ווען אין דער קאָדרע צייטיקן זיך טרויבן,
ווען ס׳הייבט זיך אָן צו גיסן מוטנער זאַפט
פון אונטער די קאָדראַנעס פיס,
איז מרדכי שוין אין קאָדרע
און נישט אַזוי צוליבן גלעזל מוסט
ווי צוליבן וואָלאַך דעם קאָדראַנעס.

אין דערפלאַך שטיינערנע
צעוואָרפן שטייען הויפן
און שיקסעס באָרוועסע
מיט בוזימער, ווי אָנגעגאָסענע מיט וויין,
אַף בערג מיט טרויבן טאַנצן.
אין ריטשקעס רינט דער וויין,
די ערד איז שיכור.
די פלוימענביימער זענען שיכור.
פאַרנאַכט. דער וויין שוין אָנגעגאָסן אין די פעסער.

חזירים ראָיען זיך אין טרויבן־שאָלעכץ
און וואַקלען זיך פאַר׳שיכור׳טע.
צעזעצן זיך קאַדראַנעס אַף די הויפן
מיט עמערם מוסט און מאַמאַליגע
און זינגען וואָלאַכן.
פאַרגייט זיך איינער אין א ווייטן שטייגער,
ווי ס׳האַרץ וואָלט ער זיך אויסגערעדט,
ווי אויסגעקלאָגט וואָלט ער די גאַנצע קלאָג
פון טאַטעס, מאַמעס און פון דורות שפּעטערע.
נאָר אַז ער זעט, אַז וויינען איז קיין תכלית ניט,
ניטאָ פאַר וועמען און אַף וואָס,
איז נאָר א רים געגנוג און זיין געזאַנג
הייבט אָן צו טאַנצן, שווינדלענדיק
ווי קעלבעלאַך נאָר וואָס ארויסגעלאָזטע
אַף לאָנקעס פרילינגדיקע.
און מרדכי, —
אין הויף פאַררוקט זיך אין א ווינקל
און וויינט.
וואָס וויינט א ייד?
וואָס זומער שטייט שוין אַף דער שוועל
אוועקצוגיין.
דער גוטער, וואַרעמער, געטרייער.
וואָס אָסיען לאָזט שוין פון זיך הערן.
ס׳איז אלול׳דיק אַף ביימער.
די טעג די פאָרכטיקע
ווי שווארצע פליגלען שוועבן.
נאָר איבער אלצדינג וויינט א ייד,
ווייל ס׳האָט דער וואלאַך
די ביינער אים צעגומען;

ווייל ס'האָבן קלאַנגען ליידנדיקע,
פון הערצער פּשוט'ע אַרויסגעפּייניקטע,
דערוועקט אין אים געוויין פון דורות.
דאָס וויינט אַ ייד אין איינציקער,
נאָר הינטער אים, מיט אים, אין אים
וויינען עדה'ס יידן.
און אַז דער וואָלף ווערט באַפרייט
פון רויטן טרויבנדיקן טרויער
און טאַנצט אין אויסגעלייזטער איבער שטיינערדיקע בערג,
איז ער, דער ייד, נאָך אַלץ ניט פריי,
ווייל טיפער, צער'דיקער איז זיין טרויער,
ווייל ס'וויינט דאָך ניט אַ ייד אליין,
נאָר עדה'ס וויינען מיט מיט אים.

די נאַכט פאַלט צו.
אויף הויפן ליגן די קאָדראַנעס
מיט ווייבער גלוסטיקע, פאַר'שיכור'טע.
די שיקסעס וואַלגערן זיך אין די אָרעמס
פון אויסגעשפּאַנטע שקצים.
סע זינגט נאָך עמיצער.
דאָס האַרץ האָט עפּעס דאָך צו זאָגן —
צו זיך אליין און צו דער שטילער נאַכט.

אויף האַרטער ברעט אין איינגן שטיבל
רוט מרדכי אויף זיין איינגעמידטן גוף.
דער וואָלף זינגט אין אים,
דער וואָלף וויינט אין אים, —
דער וואָלף פון דער קאָדרע.
אם ירצה השם אויף ימים טובים
וועט מרדכי קומען צוריק קיין בעלץ

מיטן נייעם וואָלאַך דעם קאַדראַנעם.
פאַרביינקטע הערצער,
חסיד'ישע נשמות
דערפרייען וועט ער מיטן וואָלאַך,
דערהייבן זיי אין דער נגינה.
די פּיס, באַפרייטע פּיס,
פון קייטן אָפּגעבונדענע,
אין ראָד געליכטיקטן.
די הענט געהויבן, העכער, העכער.
צו הויכקייט איז קיין שיער ניטאָ.
דערגרייכט א הימל, שפּרייט זיך נ אָ ך א הימל.
העכר. העכער.
אז יידן וועלן וויינען,
איז זאָלן יידן וויינען.
ווייל פרייד איז אין געוויין,
וואָס קומט פון טרויעריק געזאַנג.

די ערשטע פעסער אָנגעפילט מיט וויין,
די אָקסן איינגעשפּאַנט אין וועגן בייכיקע —
אָים-צאָל.
אַף רויטע וועגן הערבסטיקע,
די טריט געמאָסטענע.
אין פעסער שפּילט דער וויין,
אַף סטעפּעס שפּילן די קאָלירן —
אָים-צאָל.

דער ייד פון בערשאַד — מרדכי —
אַן איינגעקאָרטשעטער זיצט אַף א וואָגן
און ציילט די שעה'ען פון שחרית ביזקל מעריב,
און ציילט די שעה'ען פון שחרית ביזקל מעריב,

אַ שרפה

איינס אַזייגער מיטנאַכט.
יידן זומערדיקע שלאָפן.
דעמלט, נישט פאַר אייך געדאַכט,
האָט די מעשה זיך פאַרלאָפן.

ס'שלאָפן יידן. שלאָפט געזונט!
ס'איז די נאַכט פאַר שלאָף געגעבן.
ראַשיק קומט דער טאָג און בונט
הייבט דאָס שטעטל אָן צו לעבן.

דאַרף זיך טרעפן יענע נאַכט
ס'זאָל אַ ייד נישט קאָנען שלאָפן.
ליגט ער אָפן בעט און טראַכט
מיט די מידע אויגן אָפן.

טראַכט פון וואָס איר ווילט אַליין:
האָבער, ווייץ, אַדעס און דאַנציק.
ציילט ביז צען, — איז ווידער ניין,
ציילט ער נאָכאַמאָל ביז צוואַנציק.

ס'האָט דער שלאָף זיך אָפגעטאָן.
ס'קלאַפּט די צייט ווי שווערע טראָפּנס.

אָפּגעציילט שוין אַ מיליאָן —
נאָר דער שטן שטייט צוקאָפּנס.

קריכט דער ייד אַראָפּ פון בעט,
קרעכצט און גיסט זיך אָפּ די נעגל,
וואָרטשעט ווי מען זעגט אַ ברעט
מיט אַן אויסגעזשאַווערט זעגל.

איינג אין חדר ווי אַ גרוב,
סטעליע — ווי אַ קרומער רוקן.
גייט דער ייד אַרויס פון שטוב
נאַכטיק וועלטל צו באַקוקן.

קוקט צו מזרח: ווייט און ברייט
אויסגעשטערנט, טיף און לויטער.
קוקט צו מערב: אויסגעשפּרייט
איז דער הימל דאָרט אַ רויטער.

פאַלט דעם יידן איין: סע ברענט!
זעט ער פייערדיקע רייפן.
נעמט ער און פאַרברעכט די הענט
און צעשרייט זיך: ס'נעצט, אַ שרפה!

טאַנצט אַף פריזבעס זיין געשריי,
קלאַפּט אין שויבן, פּויקט אין טירן,
און דאָס שטעטל, איינס און צוויי,
הייבט זיך אָן פון שלאָף צו רירן.

אויפגעכאַפּט זיך און דערהערט,

איז אודאי ווי די יאָרן,
פּלאָטערן דערשראָקן בערד,
העמדער קלאָגן אַפן צאָרן.

דעכער יאָמערן ארויף,
און ארונטער קלאָגן שוועלן,
ס'שרייען דינסטן אינם „הויף"
און באַם שניידער די געזעלן.

האַלבער הימל רויט, האַלבער הימל רויט,
בום־בום־בום.
קלינגט דער גלאָק ארויס די נויט:
יידן קומען אום,
קומען או־ו־ם.

בעטגעוואַנט, פון שלאָף דערוואָרימט,
וואַלגערט זיך אַף גאַס פאַרשוועכט,
קליינוואַרג וויינט און שרייט און ליאַרעמט, —
גאָט, באַהיט אַזוינע נעכט!

ווייבער שלעפּן פון די שטיבער
לייכטער, בשמים־ביקסלאַך, לעפל,
וואַסער טראָגט ישראל „גבור"
אין אַ רינענדיקן שעפל.

בענצי וואַסערפירער שמייסט זיין גניאַדע,
רייסט די פעל פון אירע דאַרע ביינער:
האַלבע שטאָט שוין אָפּגעברענט אודאי,

פונם „הויף“ געבליבן אש און שטיינער, —
וויאַ!

באַ דער קרעניצע. עמערס. שטריק.
גרינע שטיינדלאַך. בלאָטע. מאָך.
בענצי פאָרט מיט ליידיקן צוריק:
„טרוקן, ס'זאָל אין דיר אריין אַ בראָך“.

אף די געסלאַך רינען ריטשקעס,
ס'וואָיען די צערייצטע הינט,
פאַסעסאָרן שפּאַנען בריטשקעס
נאָכצוויאָגן זיך דעם ווינט.

בום־בום־בום,
קלאָגט דער הייזעריקער גלאָק,
ס'איז דער גלאָקנציער שטום,
וועט ער קלינגען שוין ביז טאָג.

ס'ברענט, וואו ברענט?
דאָ און דאָרט און אומעטום,
ס'פייער האָט די שטאָט פארלענדט,
בום־בום־בום.

„אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן פאָרן פייער,
מיטן רויך גייט איצט אַוועק מיין שייער.
וויי צו מיינע יאָרן,
וויי, וויי,
אויסגעגאָסן איז אַ צאָרן
וואו איך שטיי און גיי“.

„ראַטעוועט מיין גאַנץ פאַרמעג,
טאָכטער מיינע, דיין נדן״.
פישל סטאָליער טראָגט אַ זעג,
שפּרינגע ראַטעוועט אַ פאַן.

שטעטל איז אין שרעק געקנוילט,
קיינער ווייסט נישט וואו סע ברענט,
דאָ פאַרשרפעט, דאָרט פאַרקוילט
און סע זענען גאַנץ נאָך ווענט.

האַלבער הימל רויט, האַלבער הימל בלייבט
און לבנה, ווי אַן אָנגעצונדן ראָד,
האָט דעם ברעג פון שטעטל שוין דערגרייכט,
ליגט שוין אויפן שפּיץ דאַך פון דער באָד.

שטעטל קוקט דערשטוינט מיט אַן אָפן מויל:
ערשט געווען אַ שׂרפה. וואו? דאָרט־דאָ
און אַצינד, קיין סימן נישט פון קויל,
נו, אומזיסטע שרעק אַ האַלבע שעה.

שווייגט דער גלאָק,
וויגט זיך נאָר דער שטריק,
ווי דאָס צינגל פון אַ וואָג
הין־צוריק, הין־צוריק.

בעטגעוואַנט. קאָפּשטיק. ביינק.
עי, טראָגט צוריק אין הויז אריין,
גיסל, ווי אַ זונטיק־שיינק,
רינשטאָקן מיט ווין.

טירן צוגעמאכט, —
אַ גוטע נאַכט.

הייזלאַך שלאָפֿן
מיט לבנה־שיין פֿאַרבלענדט,
אָט אזוי האָט עס געטראָפֿן:
ס'האָט געברענט און נישט געברענט.

אבֿרהם בן זאַכאַר

דאָס גרין־געבלומטע ציצן קליידל,
וואָס פלאַטערט לויז ווי פליגלדיק
אַף אברהם׳ס שווערן, וואַקלדיקן גוף,
איז נאָך פון זוניקן און בארגיקן קאַווקאַז.
די רויטע מעשטעס, דאָס ברוין־פאַרהאַרטעוועט געזיכט,
מיט שטריכן ווי די אָדערן אין שטיינער,
דער פלאַכער, נידעריקער שטערן,
די אויגן ווי די שוואַרצע נעכט
וואָס פון דער ווייט גייט אויף אַף זיי די זון,
זיי זענען אויך פון זוניקן און בארגיקן קאַווקאַז.

אברהם בן זאַכאַר האָט אָפּגעדינט דעם צאַר,
צוריקגעקומען אין די בערג,
גענומען זיך אַ ווייב און אויפגעשטעלט זיך אַן אַאול
פאַר זיך און ווייב און שפּעטער פאַר די זיבן קינדער,
אַ רואיקער, אַ זיכערער און שוויַיגנדיקער, —
אַ האַרטער בוים וואָס גראָבט די וואָרצלען
אין האַרץ פון באַרג מיט שניידיקער עקשנות.
פון אויבן שפּרייט ער אוים די צווייגן
צו זון און רעגן, ווינט און שטורעם.

אודאי איז אברהם בן זאַכאַר אַ ייִד
און, כאָטש ס׳איז גרינגער אים צו קלעטערן אַף בערג

ווי אָפּזאָגן אַלע תפלות אינם סידור נוסח ספרד,
פארפעלט ער נישט קיין טאָג צו לייגן תפילין
און האָרעווען אף יעדער הייליק וואָרט,
אָשמנו קלאפּן זיך מיט האמערדיקע פויסטן
און יידישקייט ארייננקלאפּן זיך אין הארץ.
בא מודים בייגן זיך און שפייען בא עלינו
ווי איינגעשלונגען וואָלט ער א לעבעדיקע פראָש
און ס'מויל וואָלט פול געוואָרן אים מיט שפייעכץ.

ס'איז קלוג און וואוילגעלערנט דער כאכאם,
האָט ער געזאָגט אַמאָל אברהם בן זאכאר'ן:
אברהם איז נישט גלאַט אַזוי א נאָמען,
א פוסטער קלאַנג, אַן אָפּקלאַנג אין די בערג,
אברהם איז דער פאָטער פון די יידן,
אָבינו איז אברהם און הייליק איז זיין נאָמען
און הייליק דארפן זיין די אלע
וואָס טראָגן אונדזער פאָטער'ס נאָמען.

ס'איז אפשר נאָר געווען א שפּאס, ווייל קלוג איז דער כאכאם,
פון הינטער זיינע גרויע ברעמען שמייכלען זיינע אויגן
מיט שטיפערישער יוגנט,
נאָר ס'האָט דערפילט אברהם בן זאכאר א משא
אף זיינע ברייטע, ווינגנדיקע פּלייצעס,
דאָס הארץ איז פול געוואָרן מיט געזאנגען־קלאַנגען,
אף פליגלען ווייסע האָט ער זיך געטראָגן,
אברהם בן זאכאר, אברהם איז אָבינו,
אברהם איז נישט גלאַט אַזוי א נאָמען.

דורך נעכט האָט ער געהערט דעם רוף: אברהם בן זאכאר,
א פיינליכער און ווייגענדיקער רוף

וואָס קומט פון אים אליין, פון אייגן הארץ
און דרינגט אריין צוריק אין הארץ מיט שטעכעדיקע נאָדלען.
און וואָס באַטייט דער רוף ? וואָס ווייסט אַברהם בן זאכאַר ?
אַז גרינגער איז אים קלעטערן אַף בערג
ווי אָפּצוזאָגן אַלע תפלות אינם סידור נוסח ספרד.

דאָס בלוט, ווי הייסע רימשקעס, פּלייצט אין אָדערן,
קאווקאזער פרויען רייצן ווי די שדים,
מיט אויגן טרייפע, זינדיקע פאַר'שרפ'ען זיי דעם מאַן
און צינדן אָן דעם רויטן פלאַם פון תאוה.
פארשייט איז די גרוזינערקע איזמאַילאַ,
אין יעדן פאַלב פון אירע בונטע קליידער
באַהאַלטן ליגט א שד'ל,
אין יעדן בייג פון אירע שלאַנקע גלידער
איז נאכט און שטורעמדיק געלעגער.
און אַז איזמאַילאַ זעט אַברהם בן זאַכאַר'ן
פאַראיינזאַמט הערנדיק דאָס אייגן־פרעמדע קול,
וויל זי אים אין איר רויטער נעץ פאַרנאַרן
ווי זי האָט אים פאַרנאַרט אַזוי פיל מאָל.
דערמאַנט זי אים אָן שוימענדיקן וויין
וואָס האָט פאַרברענגט די ברעגן פונם בעכער,
דעם שאָטנדיקן, סודות'דיקן שיין
ווען ס'שלאָפט די נאכט אַף שטיינערדיקע דעכער,
דערמאָנט זי אים, אַברהם בן זאַכאַר'ן,
און ווי א שלאַנג הייבט זי זיך אָן צו שאַרן
מיט אויסגעשטרעקטע הענט און הונגעריקע גלידער.
אַברהם בן זאַכאַר פילט ווידער
איר הייסן אָטעם ווי דאָס פייער פון וואולקאַן,
די אויגן זיינע בלאָנדזשען אין טומאַן,

די ערד אנטלויפט פון אונטער זיינע טריט
ווען דאָ איז ער צו קייטן פלאַמיקע געשמידט, —
אברהם, הגר, ישמעל, הייסע מדבר־זאמד,
איזמאַילאַ האָט דאָס שטיבל אויפגעראַמט,
דער רויטער ווייַן שוימט ווידער אינם בעכער
ווען ס'שלאָפט די נאַכט אַף שטיינערדיקע דעכער.

ס'האָט אָנגעקלאַפּט דער מאָרגן אין די לאָדן
מיט ציטערדיקע, זונעדיקע פינגער,
אברהם בן זאכאר האָט אויפגעמאַכט די אויגן
און האָט דערזען איזמאַילאַ'ס האָר צעוואָרפענע,
איר ברוסט אַנטבלויזטע און א פוס א נאַקעטן
וואָס האָט זיך נישט געשעמט פאַר זון און ווענט.
האָט ער צום אָנהייב נישט פאַרשטאַנען ווי ער קומט אהער,
געפילט נאָר ווי דער קאָפּ איז שווער און בלייאיק,
ווי הונדערט קוילן וואָלט מען דאָרט אריינגעיאָגט,
דאָס מויל איז פול מיט קריכנדיקע פרעש
ווי ס'וואָלט א בלאָטיק טייכל דאָרט געווען
און ס'הארץ איז ליידיק, ווירבלען דאָרטן ווינטן.
און פלוצלינג — אברהם בן זאכאר, וואָס האָסטו דאָ געטאָן?
אָבינו איז אברהם, אָבינו, אָבינו.

אין הארצן קנוילט א בייטש מיט דריבנע נאָדלען
וואָס יעדער שטאָך א בלוטיק רערל עפנט,
דאָס בלוט פאַרפלייצט די ברעגן פונם הארץ,
שפּארט צו צום האלדז און הייבט אָן ווארגן,
די שלייפן ווי צוויי שווערע האמערן
אַף שטאָלענע און קלינגעקע קאָוואדלעס,
דער קאָפּ איז אָנגעזעצט מיט שארפע טשוועקעס,

די אויגן רייסן פון די לעכער
ווי בא א קאלב ווען ס'בליצט דאָס שטאָל פון חלף
פאר זיין פארטעמפטן, גליווערדיקן בליק.

די ווייס־געוועלבטע סטעליע זינקט ארונטער,
די ווענט ווי שיכור'ע צעשאָקלען זיך,
זיי וועלן פאַלן באלד אף אים, אברהם בן זאכאר'ן,
און אים דערקוועטשן אונטער זייערע חורבות
און שרייען :   אברהם איז אָבינו.

א ריס געטאָן די טיר, ארייגעלאָזט דעם טאָג
אין שטיבל דעם פארשאָלטענעם,
ארויסגעשפיגן פונם מויל א טייכל בלאָטע.
אנטלאָפן איז אברהם בן זאכאר
מיט נאכט אין זיינע טריט, מיט פינצטערע געשרייען
וואָס זענען נאָכגעלאָפן אין די אויערן,
געפויקט אים אין די פלייצעס ווי מיט שפריצן פייער,
פארלאָפן אים פאראויס און זיך געשטעלט אין וועג
ווי בלינדע ווענט פון שווארצע, טויבע חורבות.
גענומען האָט אברהם בן זאכאר די תפילין
מיט שרעקנדיקע, ציטערדיקע הענט
און ווען ער האָט געוויקלט די רציעות
ארום דער האָרעדיקער שטייפער האנט,
געפילט האָט ער ווי שלאַנגען וויקלט ער ארום,
זיי בייסן איין זיך אין די אָדערן
מיט גיפטיקע און שטעכעדיקע צינגלאך.
זיי פויזן פון דער האנט ארויף צום האלדז
און וויקלען זיך ארום און הייבן אָן צו ווארגן.
נאָך ווען ער האָט אין סידור אָנגעהויבן זאָגן

די אומפארשטענדלאך־הייליק־קלארע ווערטער,
איז לויטערקייט פאר זיינע אויגן אויפגעגאנגען.
רציעות גלעטן און קרעפטיקן מיט גלויבן.
א קאפ איז דער של ראש, א העברער פון אים
וואס הייבט אים אויף צו זיך און מיט זיך טראגט ער אים
צו וועלטן הייליקע, אברהם אבינו'ס וועלטן.
דאס הארץ — א לויטער טייכל אין די בערג
וואס לייכט און רואיק שטראמט עס מיט דער זון אין זיך, —
אברהם איז אבינו און הייליק איז זיין נאמען
און הייליק דארפן זיין די אלע
וואס טראגן אונדזער פאטער'ס נאמען.

נאר ווידער איז די נאכט געקומען,
געקראכן זענען שאטנס פון די שפיצן בערג
מיט שווארצע גופים, שווערע, בייכיקע,
מיט ווערסטן פינצטערע געשטרעקטע הענט און פיס.
און אלע אף אברהם בן זאכאר'ס אאול
און דורך די קליינע שויבן אף זיין בעט,
וואו מיט א הארץ, אן אפגעשטעלטס און ווארטנדיקס,
מיט אויגן האלב־געעפנטע, כאטיש־וואכיקע,
געלעגן איז ער אף די שפיזלדיקע קישנס.
און אז סע זענען אלע שאטנס זיך צונויפגעקומען
און זיך צעשטעלט בא זיין צוקאפנס און צופוסנס,
גענומען האבן זיי זיך בא די הענט
און אנגעהויבן דרייען זיך אין ווירבלראד
מיט ווינטן פינצטער־בייזע אין די ציין,
מיט לאנגע, שארפע בייטשן אין די פאלעם.
א קאלעכאוויוון האבן זיי אוועקגעשטעלט
וואס האט מיט בראנדיקע און שלאנגעדיקע צונגען

געלעקט די אָנגעגליטע ווענט
און אים, אברהם בן זאכאר'ן,
אַף גאָרנישט אויפגעהויבן און געוואָרפן
אין שוים פון די צעפלאַמטע צונגען־שלאַנגען.
אברהם בן זאכאר אין קאַלעכאויוון.
און ווען ער פילט די פלאַמען אַף זיין הויט,
ווערט פול זיין האַרץ מיט פרייד געלייטערטער,
ער טאַנצט, די פיס אַף גליענדיקע קוילן,
דער גוף אַרומגערינגלט פון די פלאַמען,
נאָר ריין דאָס האַרץ וואָס זינגט אין אים, —
אברהם בן זאכאר, אברהם איז אָבינו.

די וואָך האָט זיבן טעג און זיבן נעכט,
נאָר איינער אין דער גאַנצער וואָך איז שבת,
נאָר איין מאָל אין דער וואָך דערציילט אין סינאַגאָגע
דער קלוגער, וואוילגעלערנטער כאַכאַם
די מעשה'לאַך פון חומש און פון מדרש.
אברהם בן זאכאר טיילט איין די וואָך אַזוי:
די טעג און נעכט וואָס זענען נישט קיין שבת
ווי קליינע קרומע טייכלאַך שטראָמען
מיט וואַסערן פאַרנעפּלטע, פאַרגרויטע
צום גרויסן, ליכטיק־קלאָרן טייך דעם שבת.
אין זיינע וואַסערן די לויטערע געלייטערט ווערן זיי, —
דער איינציקער, דער קלאָרער טייך דער שבת.

אין סינאַגאָגע זיצן יידן, האָריקע, פאַרברוינטע,
מיט אויגן קינדישע, פאַרוואונדערטע
און הערן מיט די הערצער, מיט די אויגן, מיט די הענט
די מעשה'לאַך פון חומש און פון מדרש.

נאָר אנדערש הערט אברהם בן זאכאר :
ס׳האָט יעדער וואָרט פאַר אים אַ קלאַנג און אייגענעם
און אַלע ווערטער גיסן זיך צענויף
אין איין געזאַנג, ווי אַלע קרומע טייכלאַך שטראָמען
צום גרויסן ליכטיק־קלאָרן טייך דעם שבת.
און זיינע אברים, יעדער אבר איז אַ קלאַנג
און אַלע קלאַנגען גיסן זיך צענויף
אינמיטן דאָ, אין הארץ אין שטראָמיקן,
אין איין געזאַנג, —
אברהם בן זאכאר, אָבינו איז אברהם.

און אז דערציילט האָט דער כאכאם אמאָל
ווי יידן קומען אינם לאַנד אין הייליקן,
איז ארץ־ישראל געוואָרן איצט דער גרויסער טייך,
דער ליכטיקער, דער שבת׳דיקער קלאָרער.
די גאַנצע ערד איז דורכגעשניטן מיט טייכלאַך
וואָס ציען זיך אין קרומע, שליינגלדיקע ליניעס
צום איינציקן, צום טייך דעם אייגענעם.
אברהם בן זאכאר שטראָמט אויך אהין.
פארשטאַנען האָט ער נישט ביז איצט צו וואָס ער שטראָמט
און איצטער ווייסט ער, ווייסט ער, ווייסט ער,
אפילו זיינע שפּיצן פינגער ווייסן.
און אויב דאָס ווייב און זיינע זיבן קינדער
געפונען האָבן נישט דעם קלאָרן וועג,
וועט קומען זייער טאָג, פאַר אַלע וועט ער קומען
ווי ס׳איז פאַר אים דער טאָג געקומען.

באטראַכט האָט אברהם בן זאכאר די ערד די הייליקע
מיט פלאַטערדיקע טריט.

דער וואונדער פון דער אייביקייט האָט זיך אַנטפּלעקט
פאַר זיינע אויפגעשיינטע אויגן.
דער קלאָרער הימל איבער אים, געשפּריים האָט זיך אין אים
און ביימער טויזנטיעריקע, און חורבות גרויע,
און וועגן זאַמדיקע, און שטיינער שפּיציקע,
און היילען פינצטערע, און בערג געליכטיקטע, —
אין אים, אין אים, אברהם בן זאַכאַר'ן.
לשונות פרעמדע וואָס גיסן זיך צענויף
אין איין געקרויזטן קלאַנגען־קאַראַהאָד,
וואָס קיצלען דעם געהער מיט וואויל־געשמאַק,
וואָס רייצן ווי די ריחות
פון צייטיק־רויטן מאָן.
אברהם בן זאַכאר איז פרעמד און אייגן,
פאַרשטייט קיין ווערטער נישט, נאָר גאַנצע זאַגאַכצן
פאַרנעמט ער און פאַרשטייט, פאַרשטייט.
און ענטפערן — מיט הענט און אויגן,
מיט אָפּגעהאַקטע קלאַנגען,
מיט נישט־דערזאָגטע, נאָר צו זיך אַליין.
ס'איז קלאָר,
ווי קלאָר סע זענען יום־טוב'דיקע רייד
וואָס ווערטער זענען נישט קיין ווערטער, נאָר געזאַנג.

באַזעצט האָט זיך אברהם בן זאַכאר
אין יפו בא אַן אַלטן גר, אברהם בן אברהם,
אַ רוס מיט שווערע פּלייצעס, טריט געקאָוועטע
און הענט ווי פּעלן אָנגעצויגענע.
חדרים'לאַך מיט קאַרגע פּאַסן ליכט באַטאָג
און ציטערדיקן לעמפּל־שיין באַנאַכט.
די גר'טע — ערדיק, שיקסיש־אָנגעשראָקן

פאַר גאָט דעם נייעם, פרעמדן, בייזן.
פאַרגעסט און ווענדט די בליקן
צום ווינקל און לייגט צענויף צוויי פינגער
ווי ס'האָט געטאָן די מאַמע אירע אין קאַלוגאַ.
נאָר קערט זיך אָפּ מיט מורא פון פוסטן ווינקל
און ציט אַרונטער די פאַטשיילע
פאַרדעקנדיק די שטייפע בלאָנדע האָר.
די אויגן אירע ווערן אָנגעשראָקן
פון צלם'דיקן שאָטן אין זכרון.
אין ווינקל איז געווען אַ גאָט,
מיט הענט האָט זי אים אָנגעטאַפּט,
געבאָמבלט האָט ער זיך אויף הוילער ברוסט.
איז היימיש איר געווען מיט אים,
ווי היימיש מיטן קעלבל אפן הויף
און מיט די קליינע, בלאָטיקע חזירים'לאַך.
און איצטער איז דער גאָט אין אַלע ווינקלען
און אין ערגעץ איז ער נישט.
פאַר אַן אנטבלויזטער האַנט ווערט ער דערצערנט.
פאַר אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ באַשטראָפט ער.
אברהם בן אברהם'ן איז גוט מיט אים,
ער רעדט פאַר אים זיך אויס דאָס האַרץ,
ער האַקט פאַר אים האָלץ,
ער טראָגט פאַר אים וואַסער,
ער טוט זיך פאַר אים אָן אין טלית־און־תפלין,
נאָר זי, רבקה, פרירט פאַר פחד.

וואָרוואַרא אין קאַלוגע'ר דערפל האָט געטראָגן
די אָנגעפּילטע ברוסטן שטאָלץ פאַראויס
און האָט געוואַקסט אַז יונגען פויערישע

קראַפּירן נאָך איר שטייפן לייב.
און רבקה אינם חורבה־שטיבל
באַם יפו'ר שטורעמדיקן ברעג
קען ס'לייב איר'ם נישט באַהאַלטן
פאַר הונגעריקע אויגן.
זי טובל'ט עס אין מקוה און האָט מורא
דער בייזער גאָט זאָל נישט דערזען
ווי ס'בלוט אין אירע אָדערן שטראָמט
מיט הייסע שטרעמעלאַך צום האַרץ.
אברהם בן אברהם, אַלט און קרעפּטיק,
שטייט אויף אינמיטן נאַכט און רעדט צו גאָט,
ווען איר געלעגער ווערט פאַרברענט פון זינדיקע געדאַנקען.
אמאָל אינמיטן נאַכט איז זי פון בעט אַרונטער
און אַף די קני אין ווינקל זיך געשטעלט.
גע'צלמ'ט זיך און ס'האַרץ פאַר איר קאַלוגע'ר האָט זיך אויסגערערט.
אברהם בן אברהם האָט מיט אַ שטעקן זי געשלאָגן
און ס'האָט זיך איר געדאַכט דער נייער גאָט
איז נוקם זיך אָן איר פאַר אירע זינד.
האָט זי געזוכט דאָס קליינע לעמפּל אַף דער וואַנט,
די צענויפגעקרייצטע הענט און דעם באַשטראַלטן קאָפּ.
נאָר פונם ווינקל האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שאָטן
מיט הענט ווי שטעקנס.
איז רבקה צוריק אין בעט אריינגעקראָכן
און איינגעהילט איר גוף אין מורא.

ס'איז היימישער געוואָרן מיט אברהם בן זאכאר'ן,
ווייל ער, אַזאַ פאַרלוירענער ווי זי,
האָט געטראָגן גאָט אַף די פּלייצעס
און געבויגן זיך אונטער דער משא.

ווייל ער, ווי זי, האָט שטומערהייט פאַרנומען
דאָס קול פון וואונדער און פון מורא.
אברהם בן זאכאר אין גרין־געבלומטן ציצן קלײדל
האָט נישט געוואוסט מיט וואָס זיין נאָמען אויסצולייזן.
זיין גוף ווי זאָל ער רייניקן,
ווי זאָל ער לייטערן די געדאַנקען זיינע,
אַז מאַנען זאָל אים נישט דאָס קול:
אברהם, אָבינו איז אברהם.

אברהם בן זאכאר האָט אַפּן ברעג פון ים
אין זאַמד זיין נאָמען אָנגעשריבן,
געטאָן האָט ער עס גלאָט אַזוי זיך, סתם,
און איז אַ שווייגנדיקער שטיין געבליבן.
נאָר פּלוצלונג האָבן כוואַליעס אויפגעצאָרנט,
געשוימט, געזאָטן, געדראָעט און געוואָרנט
און ווי אַ מחנה אויפגערייצטע וועלף אַף אים
געוואָרפן זיך מיט מיילער און מיט ציין
און דונערן האָט ער געהערט אַ בייזע שטים
און נישט געקאָנט איר וואָרענען פאַרשטיין.
די כוואַליעס האָבן זיינע פיס געשמיסן
מיט שטעכעדיקע, קאַלטע קאַמען
און ס'האָט זיך אים געדאַכט אַז אַלע ים'ען
פון זייערע ברעגן האָבן זיך אַרויסגעריסן
צו וואַרפן זיך אַף אים, אברהם בן זאכאר'ן,
צו עפענען די שטורעמדיקע זייערע תהום'ען
דעם וועג אהיים פאַר אים פאַרשפּאַרן
און אָפּווישן פון זאַמד זיין נאָמען.
פון אַלע זייטן האָבן שונאים זיך פאַרזאַמלט
אברהם בן זאכאר'ן צו פאַרטיליקן

און ער, מיט הענט צעשפּרייטע האָט געשטאַמלט
דעם נאָמען זיינעם, פּאַרבטיקן און הייליקן:
אברהם בן זאכאר, אברהם איז אָבינו.
און דאָס געבלומטע קליידל זיינס דאָס גרינע
האָט זיך צעשפּרייט אים אויפצוהייבן
אַריבער כוואַליעס, אַריבער שוים
און טראָגן אים אַף פייערדיקע לייבן,
אָן אויסגעריסענעם, אַ צעשויבערטן בוים,
צום שטול פון משפּט, צום שטול פון שרעק,
וואו ס'וועלן אים באַגעגענען די נעבט און טעג
וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין זינד.
און וואָס וועט זיין פון אים אצינד?
און וואָס וועט זיין?

אַרומגערינגלט פון די ברויזנדיקע כוואַליעס
ווי אַ שיף אַ פאַרלוירענע אינמיטן ים.
דאָס פלאַטערדיקע קליידל ווי דער זעגל
וואָס שטורעמווינט מיט בייזקייט שליידערט
און פונם אָפּגרונט פונם האַרץ
אַ פינצטער, כמאַרעדיק געשריי:
אברהם בן זאכאר, דיין נאָמען אָפּגעווישט.

און אַז דער שטורעם האָט זיך איינגעשטילט,
די וואַסערן אַריין צוריק אין זייער ברעג,
האָט אברהם בן זאכאר אויסגעשטרעקט די הענט צום ים
און שטום אַזוי געבליבן שטיין.
פאַרגליווערט. איינגעגראָבן אינם זאַמד.
אברהם בן זאכאר האָט נישט געפרעגט און נישט געמאַנט,
נאָר זיינע אָנגעשראָקן-שוואַרצע אויגן

האָבן אָפּגעשטעלט זיך אויף דער זון־געקנייטשטער ווייט
און זיינע הענט ווי דאַרע דעמבן־צווייגן,
פאַרשטיינערטע, פאַרשאָטענע.

אהיימגעקומען איז אברהם בן זאכאר
א פינצטערער, געבויגענער, דערשלאָגענער.
אין חורבה־שטיבל איז די גר'טע רבקה
באַם פענצטערל געזעסן און גענייט
א העמד פון גראָבער, געלער לייוונט.
דאָס רויט פון זונפאַרגאַנג האָט ס'פּנים אירס פאַרגאָסן
און ברוין און קופּערדיק איז עס געווען.
די גר'טע האָט געזונגען אַן אַלט קאַלוגע'ר ליד,
א שטיק קאַלוגע אין געזאַנג.
דאָס פּנים אירס איז פול געווען מיט צער
און דאָס געזאַנג — אַ קלאָג פון אונטערטעניקייט.

אברהם בן זאכאר'ן איז געוואָרן אייגן
דאָס עלנטע, פאַרלוירענע געשטאַלט.
דער צער פון רבקה'ס לויטערע אויגן
האָט זיך באַהעפט מיט זיינעם און געוואָרן איינס, —
דער צער פון צוויי פאַרלוירענע.

אברהם בן זאכאר, אַ זאַמדיקער, אַ באָרוועסער,
האָט זיך געזעצט באַ רבקה'ס פיס
און הייזעריק געזאָגט:
„מיין נאָמען אָפּגעווישט".
און כאָטש ס'האָט רבקה נישט געוואוסט
דעם באַטייט פון זיינע ווערטער,
האָט זי געפילט דעם שאָטן פון זייער וויי

און אויסגעשפּרייט האָט זי איר האַנט זיין קאָפּ צו שיצן
מיט וואַרעמקייט, מיט אייגנקייט, מיט ציטער.
און ווי אַ פליגל האָט די האַנט דעם קאָפּ פאַרדעקט
פון אירע אויגן האָט די גוטסקייט
אַרויסגעשטראַלט אַ פיינלאַכע.
דורך די פינגער האָט גערונען מיטגעפיל
צו אים, צו זיך אַליין.
און בלייכער, ווייכער האָט דער שיין אַף שויבן
מיט אונטערגאַנג געבעטן:
מיין נאָמען אָפּגעווישט.

אַ וואונדערלאַך, אַן אייגן־נאָענט קול
האָט איצט דערהערט אברהם בן זאכאר.
אַ קול וואָס האָט צעברעקלט זיך אַף טויזנט קולות
און יעדער ברעקל האָט געזונגען דאָס געזאַנג:
אברהם בן זאכאר.
אברהם. רבקה.
אברהם איז אבינו.
רבקה איז אמנו.
אַ שיין איז אויפגעגאַנגען פאַר די אויגן.
אַ שיין האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ.
דעם קאָפּ צו אירע קני געבויגן
און אַף אַ נס געוואַרט.
און אפשר איז דער נס געקומען
אין רבקה׳ס האַנט, אין איר באַריר
און אים געפונען דאָ אַ שטומען
אין קינדערשן, פאַרלוירענעם פאַרוויר?
אברהם בן זאכאר איז פול מיט לויב
צו גאָט זיין ליבן נאָמען

וואָס צוגעשיקט אַ מידע טויב
האָט ער אין נעסט אברהם'ן.
וואָס אירע פליגל אויסגעשפּרייט
האָט זי צו היטן אים און שיצן,
וואָס צופוסנס איר צונויפגעדרייט
קאָן ער אַצינדערט זיצן.

און אַז אברהם בן אברהם איז געקומען
מיט הענט צעשפּאָלטענע, מיט שווערע פּלייצעס
און פרומע אויגן,
האָט ער געטראָפן רבקה'ן וויינען
און אברהם בן זאכאר'ן זיצן אין אַ ווינקל
און זינגען:
אברהם אָבינו עליו השלום.
רבקה אמנו.
דער גר האָט נישט פארשטאַנען דאָס געוויין
און פרעמד איז אים געווען אברהם בן זאכאר'ס געזאַנג,
האָט ער דאָס קאַניצל אָנגעצונדן
און אָף די שאָטנס פון די ווענט
געזוכט באַשייד פאַר דעם געוויין און דעם געזאַנג.
אַ פרומע פאַרכטיקייט האָט אים ארומגענומען
און אָנגעהויבן האָט ער קלאַפּן זיך אין האַרץ:
אשמנו. בגדנו.

פון אונדזער ברודערשאַפט

אַ שווינק אין שכנות מיט דער באַרי. אַ לאַנגער, שמאָלער קאָרידאָר, די טישלאַך שטייען פון ביידע זייטן, אינמיטן אַ רויביקער פּאַס — די סטעזשקע צעווישן די טישלאַך. איין גרויס פענצטער אין דרויסן ארוים און א טיר וואָס אז זי עפנט זיך, רייסן זיך אריין אינעווייניק געשרייען פון גאַס, דער רויש פון עלעוועיטעד און דאָס קלאַפּן פון האַמערס. אין דער טיף פון חדר א קאונטער מיט אַ צעבראָכענער שויב און אַ צענויפגעדרייט קעצל אינעווייניק, איבערן קאונטער אַ ראַדיאָ. אויף אַ פּאַרזשאַווערטן דראָט הייגט אַ שטייגל מיט אַ פּאַפּוגיי וואָס האָט דרויקאָלירן: דער גאַנצער גוף גרין, דער קאָפּ רויט און דער עק געל.

באַ די טישלאַך זיצן די „פון אונטן“ און די „פון אויבן“, אַ געמיש פון סלאַוון, גריכן, איטאַליענער, נעגערס, שאָטלענדער, כינעזער. די פּנים׳ער פאַררויכערטע, די אויגן וואָלקנדיקע, די אברים פאַרוועגלאָזטע, הפקר׳דיקע. אייניקע פון זיי מיט געדיכטע צעשויבערטע האָר, אַנדערע מיט נאַקעטע קעפּ.

ראַדיאָ

Oh, ain't she sweet, see her
  coming down the street,
I ask you very confidentially,
  Ain't she sweet?
Oh, ain't she nice, look her over
  once or twice.

גריך
פון וואַנעט?
סלאַוו
פון אונטן.
גריך
פון טיף?
סלאַוו
פון דרייסיק יאַרד.
גריך
און מאָרגן?
סלאַוו
און מאָרגן טיפער.
אַ טאָג — אַ יאַרד אין דרערד אריין.
און וויפל נאָך?

די קליידער פוילן שוין פון נאַסקייט,
די הענט ווי שטיקער ליים,
די אויגן ווי באַם קראַט.

גריך

אַזוי איז קלוג:
די אויגן ווי באַם קראַט.
רעד ווייטער. פרייליכער.

סלאַוו

אודאי פריילאַך,
קיין אויגן דאַרפסטו נישט צום גראָבן.
פאַרמאַכסט זיי גאָר אינגאַנצן
און פילסט ווי זיך אַליין פאַרגראַבסטו.
דערפאַר איז ליכטיק פאַר די בלינדע אויגן.
דאָס דאַרף. דיין אייגן שטיבל. די בהמה.
דו ווייסט וואָס סטעפּעס זענען?

גריך

דערציילֿ, ס'איז פריילאַך.

סלאַוו

די ברכה פון זיין ליבן נאָמען זענען סטעפּעס,
אַ מענטש אַף סטעפּעס איז אַ לאַשיקל,
צעלאָזט זיך און היידא.
אַ לאַשיקל אַף סטעפּעס הירזשעט,
אַ מענטש אַף סטעפּעס זינגט,
פאַרשטייסט, אַ מענטש אַף סטעפּעס זינגט.
ווייל גוט איז אים,
ווייל סטעפּעס זענען זוניקע,
ווייל ער, דער מענטש אַליין, איז זון,
ווייל ס'הארץ איז פול מיט זאַנגען האָריקע,
ווייל ער האָט מיטן אקער אויפגעשניטן בייטן

און רעגן האָט ער מיט געבעט מיט זיינעם
אַראָפּגעבראַכט אף פעלדער.

גריך

אַ מענטש אף סטעפּעס זינגט.
ווי זינגט אַ מענטש אף סטעפּעס?

סלאַוו

אַ מענטש אף סטעפּעס זינגט אַזוי:
אַ טאָג — אין דרערד אריין אַ יאָרד
און נאָסער, קלעפּיקער די ערד,
די ביינער ווערן אויסגעדאַרט
און אפשר? אפשר גאָר פאַרקערט?

געשוואָלן ווערט דיר דאָס געביין,
דאָס פּנים ווערט פאַרטריקנט ליים
און אַז דו דאַרפסט נאָך האַקן שטיין,
האַקסטו שוין אוים פאַר זיך אַ היים.

גריך

דו ליץ, דו מאַכסט דאָך חוזק.
דו זינגסט אַ הייזעריק געזאַנג
פון אונטער דרערד.

סלאַוו

פאַרגיב מיר, ברודער,
פון האַרץ האָט זיך ארויסגעריסן עפּעס אַנדערש,
דערפאַר וואָס מיינע אויגן זענען אָפן.
פאַרמאַכטע אויגן דאָרטן אונטן
דאָס ליד פון סטעפּעס זינגען זיי.

גריך

דו ביסט אַ ליץ, אַ ליץ.
דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט.

ס ל אַ ו ו

אַט וועל איך צומאַכן די אויגן
און ס'ליד פון סטעפּעס וועל איך זינגען,
דו הערסט?
מיט צוגעמאַכטע אויגן זינג איך דיר אַזוי:

אַף סטעפּעס קרייזן זיך די ברויטן,
דער ווינט פאַרוויגט דעם בלויען סטעפּ.
מאַרוסיא, אָנגעטאָן אין רויטן,
פאַרפלעכט די שווערע, בלאָנדע צעפּ.
עי מאַרוסיא, קרוין, בריליאַנט,
כ'האָב פאַר דיר אַ שטיק געוואַנט
פון יאַריד געבראַכט צופירן.
קום אַרוים אין הויכן ווייץ,
דאָס געוואַנט איז פול מיט רייץ,
פול מיט פריילאַכע קאָלירן.

פאַרטאָג, דער סטעפּ איז בלוי־פאַרצויבערט,
די זאַנגען בייגן שטיל די קעפּ,
מאַרוסיא האָט אין ווייץ צעשויבערט
די שווערע אירע. בלאָנדע צעפּ.
עי, מאַרוסיא־קרוין, פאַרפלעכט
און פאַרהיל דעם סוד פון נעכט
ווי די נעכט אַליין פאַרהילן,
סטעפּ וועט באַלד מיט רויט־קאָליר
שמייכלען פרייד צו מיר, צו דיר
און מיט זון וועט ער זיך שפּילן.
עי, מאַרוסיא־קרוין . . .

נ ע ג ע ר

ווער האָט זיך נאַריש דאָרט צעזונגען?

דאָס האַרץ צעשניידט מיר דאָס געזאַנג,
סעי, הערי, אַ פּלאַש דערלאַנג.

גריך

ס'איז אמת, דיין געזאַנג צענעמט די ביינער.

כינעזער

און איך האָב היינט צעבראָכן צוואַנציק טעלער,
אַזוי אַ וואָרף געטאָן אויף דרערד
און טראַסק. כי־כי־כי.

פּאַפּוגאַי

כי־כי־כי.

קעצל

מיאו־אי.

איטאַליענער

וואָס האָסטו זיך צעכיכיט, טשינקי?
ס'איז דאָ פון וואָס צו לאַכן — טעלער.
און וואָס האָט דיר דער באָס געטאָן דערפאַר?

כינעזער

ארויסגעטריבן.
געריסן זיך דעם גאָרגל און הייזעריק געוואָרן,
די אויגן פון די לעבער ארויסגעקראָכן,
דאָס מויל מיט שוים.
די פויסטן וואָרפט ער מיר אין פנים
און שרייט: צוואַנציק טעלער.
און איך ווער צעטראַסקעט פון געלעכטער.

שאַטלענדער

איז וואָס זשע איצט?

כינעזער

איז גאָרנישט איצט.
אין אַן אַנדער רעסטאָראַן

און ווידער ברעכן טעלער.
א פריילאכע מלאכה, בי־כי־כי.

שאַטלענדער

אז ס'איז דיר פריילאך, דערלאַנג א פלעשל וויין.

כינעזער

אודאי ווייַן.
נאָך זיבן טאָלער דאָ אין קעשענע.
אַ פינפערל און צוויי איינציקע.
סעי, הערי, ווייַן.

שאַטלענדער

און מיר איז אומעטיק.
צום צענטן שטאָק געטראָגן ציגל אַף די פּלייצעס
און היינט איז נישט געווען.
און מאָרגן וועט נישט זיין.
די פּלייצעס זענען ליידיק,
מיט אויסגעגלייכטע פּלייצעס נאָגט דאָס האַרץ.
איך שלעפּ זיך אום אַף גאַסן
אַן איבעריקער אַן דער לאַסט.

איטאַליענער

ס'איז דאָ נאָך וואָס צו בייַנקען — ציגל.

שאַטלענדער

און נאָך אַ הויקער בייַנקסטו נישט?
א צענדליק יאָר געטראָגן ציגל אַף די פּלייצעס,
איז ציגל דייַנס אַ האַנט, אַ פוס,
דו עסט און איבער דיר אַ הויפן ציגל,
דו שלאָפסט מיט ציגל אויסגעבעט.
און אַז דו טראָגסט קיין ציגל נישט,
איז אומעטיק.

כינעזער

צו טראָגן ציגל און צו ברעכן טעלער
אודאי איז אַלצאיינס,
אַ פריילאַכע מלאכה.
נאָר זאָרג נישט, ברודער,
איך האָב נאָך זיבן טאַלער אין מיין קעשענע.
אַ פינפערל און צוויי איינציקע.
סעי, הערי, נאָך אַ פלעשל וויין.

נעגער

און מיר אַ גלעזל.
געננוג וועט זיין פאַר מיר אַ גלעזל,
אַ מדבר איז אין קעשענע באַ מיר.

סלאַוו

עך, שוואַרצער ברודער, אין מדבר איז מען דאָרשטיק.
דער טייפל זאָל עס נעמען.
אַלצאיינס פאַר מיר, איז נאָך אַ יאָרד אין דרערד אריין.
אַ גאַנצע פלאַש פאַר דיר, מיין שוואַרצער ברודער.

נעגער

(פאַלט ארויף דעם סלאַוו אפן האַלדז און קושט אים)
אַ ווייסער ביסטו און איך גלייב עס נישט.
די ווייסע אין דער סאוט ברענען מיינע ברידער.
אַליין געווען דאָרט.
געטראָפן האָט נישט איין מאָל אין אַ נאַכט
ווען ס'פלייש פון מיינס אַ ברודער
האָט זיך געבראָטן אפן פייער,
און איך האָב עס געזען.
די הויט האָט מיך געברענט.
דער ריח פון געבראָטנס האָט געשטיקט.
און ס'האָט זיך מיר געדאַכט אַז איך אַליין

שטיי צוגעבונדן צו דעם בוים
און ס'רייסן זיך די פלאַמען אַף מיין גוף.
אָ, יעזוס, דערלייזער,
אַ ווייסער ביסטו און איך גלייב עס נישט.

סלאַוו

אַ ווייסער גראָבט זיך אין דער ערד.
אַ ווייסער זעט דעם שיין פון טאָג נאָר איין מאָל אין דער וואָך.
איז וואָס זשע דאַרף ער זיך נאָך גרייסן?
אַ שוואַרצער ביסטו פון געבוירן
און איך ווער שוואַרץ פון גראָבן זיך אין דרערד.
עך, שוואַרצער ברודער מיינער,
לאָמיר זיך צעקושן.
און סטעפּעס ווייסטו וואָס זיי זענען?
און ס'ליד פון סטעפּעס האָסטו שוין געהערט?

נעגער

איך האָב געהערט דיך פריער זינגען
אַ פרייליך־אומעטיק געזאַנג
און כ'האָב דערמאָנט זיך אין מיין אייגענעם.

סלאַוו

דאָס ליד פון ברענענדיקע נעגערס?

נעגער

דאָס ליד פון מיינע שוואַרצע ברידער.
איך וועל עס זינגען מיט דער יוקעלעלע.

אַלע

דאָס ליד פון דיינע שוואַרצע ברידער.

נעגער

ס'איז געשלאָפן אַף זיין ווייס געלעגער
מיינס אַ ברודער, מיינס אַ נעגער, —
טראָם־באָם, טרים־בים.

אים צוקאַפּנס יעזוס אין אַ ווינקל,
באַ דער זייט דאָס בילד פון אייבי לינקאָלן, —
טראַם-באַם, טרים-בים.

קריסט און אייבי אונדזערע דערלייזער,
נאָר די נאַכט ווערט פינצטערער און בייזער —
טראָם-באָם, טרים-בים.

ס'איז מיין ברודער'ס האַרץ אַ טויב אַ ווייסע,
ברידער, הערט אַ טרויעריקע מעשה, —
טראָם-באָם, טרים-בים.

אין די פענצטער פלאַקערן שטורקאַטשן,
ווייסע שרייען, ברומען, רעווען, פּאַטשן, —
טראָם-באָם, טרים-בים.

כאַפּט זיך אויף מיין ברודער פון געלעגער
און פאַרשטייט אַז ווידוי זאָגן מעג ער, —
טראָם-באָם, טרים-בים.

שטעלט ער זיך פאַר יעזוס און פאַר לינקעלן,
זיינע טרערן אין די אויגן פינקלען, —
טראָם-באָם, טרים-בים.

זיי זיין אָרעמע נשמה גיט ער
מיט אַ הייליקן און ווייסן ציטער, —
טראָם-באָם, טרים-בים.

ווייסע האָבן אויסגעזעצט די שויבן,
פון די קני מיין ברודער אויפגעהויבן, —
טראָם-באָם, טרים-בים.

צו אַ בוים מיין ברודער צוגעבונדן
און אַ פלאַם צופוסנס אָנגעצונדן, —
טראַם־באַם, טרים־בים.

שטייט מיין ברודער איינגעהילט אין פלאַמען
און אַרום אים טאַנצן שיינע דאַמען, —
טראַם־באַם טרים־בים.

זינגט מיין ברודער הייליקע געזאַנגען,
ס'איז אַזוי מיין ברודער אויסגעגאַנגען, —
טראַם־באַם טרים־בים.

סלאַוו
(גיט אַ זעץ אין טיש)
דיין ברודער איז גע'פגר'ט ווי אַ הונט.

איטאַליענער
אַ גרויסע חכמה — הייליקע געזאַנגען
און בראָטן זיך ווי אַ בהמה אפן פייער.

נעגער
מיין ברודער האָט געהייליקט יעזוס'עס נאָמען.

סלאַוו
דיין ברודער איז געווען אַ פערד
און אַלע דיינע ברידער זענען פערד.

שאָטלענדער
און מיר וואָס זענען?
מיר טראָגן ציגל אַף די פלייצעס ווי די הויקערס
און אז מיר טראָגן נישט קיין ציגל,
איז אונדז אומעטיק, פאַרדאַמטע מיר.

מיר גראָבן אונטער דרערד צו ווערן בלינד,
צו ווערן נאַס און שוואַרץ, — און שווייגן.
מיר דראָפּן זיך אַף ווייטע הייבן
צו וויגן אונדזערע גופים איבער אָפּגרונטן
און פאַלן מיט צעשאָטענעם מאַרך אַף שטיינער
און מיר שווייגן ווי די זאַטע הינט.
וואָס זענען מיר?

כינעזער

און טעלער ברעכן מיר.

סלאַוו

מיר זענען... און אפשר זענען מיר נאָך ערגער?

שאָטלענדער

פאַרברענט ווערן אַפן שייטערהויפן האָט אַ זין.
דו לייטערסט זיך, דו ווערסט דערהויבן
אין פייער וואָס פאַרברענט דיין גוף.
און וואו איז אונדזער זין?

סלאַוו

פאַרפוילט צו ווערן אין דער ערד.

גריך

צו רייסן שטיינער פון די גאַסן.

איטאַליענער

צונויפצוזאַמלען ס'מיסט פון שטאָט.

כינעזער

צו ברעכן טעלער, כי־כי־כי.

פּאָפּוגאַי

כי־כי־כי־י־י.

קעצל

מיאו־מיאו־י־י.

ראַדיאָ

Oh, ain't she sweet, see her
coming down the street,
I ask you very confidentially,
Ain't she sweet. . .

שאָטלענדער

און דער פון אויבן, ער איז היינט נישטאָ.

(אַלע בלייבן מיט אַמאָל שטיל. דאָס קעצל דרייט זיך נאָך מער צעניוף.
דער פּאַפּוגאַי הייבט אָן צו פּאַטשן מיט די פליגלען. די ראַדיאָ האַקט
אָפּ אינמיטן מיט אַ הייזעריקן כריפּ.)

סלאַוו

ווען איך פון אונטן קריך ארויס,
קומט ער אַרונטער פון דער הייך
און בײַ דער שוועל באַגעגענען מיר זיך דאָ.
וואו איז ער היינט?

איטאַליענער

אַז כ'וועל פאַרטאָג דאָס מיסט צענויפנעמען,
וועל איך אודאי אים געפינען,
צי אפשר זיינע ביינדעלאַך.

שאָטלענדער

ער האָט פאַר אונדז נאָך נישט דערציילט
דעם סוף פון דער מאַטראָסן־מעשה.
געבליבן בײַ מאַדאַגאַסקאַר
ווען ס'האָבן אים פּיראַטן אַף אַ מאַסט געהאַנגען.

גריך

און מיר איז ער אַ שנאַפּס געבליבן שולדיק.
דעם חוב האָט ער געדאַרפט באַצאָלן היינט.

א י ט אַ ל י ע נ ע ר

מסתמא האָט ער זיך פאַר׳שיכור׳ט

און וואַלגערט זיך אַצינדערט מיט זיין בעיבי.

ס ל אַ ו ו

ער וואָלט געקומען ווען ער לעבט.

נ ע ג ע ר

דער טייפל הערט, נישט רעד אַזוינע ווערטער.

ש אָ ט ל ע נ ד ע ר

און אַז דער טייפל, נו איז וואָס?

אַלצאיינם פאַר אונז צי גאָט, צי טייפל.

ס ל אַ ו ו

און איך האָב ליב דעם טייפל.

אַ שווארצער חברה־מאַן אַזא

מיט פייערדיקע אויגן.

אַ היימישער איז ער, אַן אונדזעריקער.

נ ע ג ע ר

(דערשראָקן)

דו זעסט אים?

ס ל אַ ו ו

אודאי זע איך אים,

ער קוקט אינגאַנצן אויס ווי דו.

כ י נ ע ז ע ר

און סמאַליעט זיך אין גהינום, כי־בי־בי.

(די טיר עפנט זיך און ס׳רייסט זיך אריין דער ווינט מיט אַ צעצוי־געגעם פייף.)

פ ר ו י (קומט אריין)

איר אַלע דאָ, נאָר ער, נאָר ער.

ש אָ ט ל ע נ ד ע ר

דו זוכסט אים אויך?

פרוי

איך זוך אים נישט.
איך וועל אים קיינמאָל שוין נישט זוכן.

דער וועיטער

מסתמא שוין ארויסגענומען מערידזש לאיסנס
און צוגעטשעפעט צו די פּאַלעם פון דיין קליידל.

שאַטלענדער

דיין צונג איז לויז, פאַרבינד זי שטייפער
און מיש זיך נישט.
דערלאַנג דער פרוי א גלעזל שנאַפּס.

פרוי

(זעצט זיך בא איינעם פון די טישלאַך, טרינקט אויס דעם שנאַפּס
און בלייבט זיצן מיט צענויפגעקרייצטע הענט.)

שאַטלענדער

דערציייל, וואו איז ער?

פרוי

געארבעט אף א סקעפאָלד באַם דרייסיקסטן שטאָק.
איך האָב געוואַרט אף אים פון אונטן.
ארויפגעקוקט, געזען א פּינטעלע וויגט זיך.
דאָס גלייכגעוויכט פאַרלוירן
און ס'קייקלט זיך דאָס פּינטעלע ארונטער.
איך קוק ארויף, דאָס פּינטעלע ווערט גרעסער.
אין הארצן ווערט פאַרשטיקט דאָס אויסגעשריי.
כ'פאַרמאַך די אויגן.
סעקונדן ווערן שווער ווי שטיינער.
צו מיינע פיס געפאַלן.
א בלוטיקער, א רויער גוף.
דער מאַרך אפן טראָטואַר צעשאָטן.
צעשפריצט דאָס בלוט אף מיינע פיס.

שאָטלענדער

א בלוטיק פינטעלע.
און אפן סקעפּאָלד?

פּרוי

אַן אַנדערער.
נאָך איידער אים אָוועקגעפירט
און ס'בלוט פון שטיינער אָפּגעוואַשן,
האָט דאָרט זיך שוין געוויגט אַן אַנדערער.

גריך

אַן עבירה. דעם חוב מיר נישט באַצאָלט.
א גאַנצע פלאַש געבליבן שולדיק.

שאָטלענדער

און מיר דעם סוף פון מעשה'לע.

סלאַוו

א חוב א גרעסערן האָט ער באַצאָלט.
דאָס לעבן איז ער שולדיק געווען צו שטיינער
און האָט באַצאָלט.

איטאַליענער

און איך?
דעם מיסט פון גאַסן בין איך שולדיק
מיין נאַריש לעבן.

סלאַוו

מיר זענען אלע שולדיק לעבנס
און דאַרפן צאָלן, וועלן צאָלן.

שאָטלענדער

א ברודער אונדזערער געפאַלן.
זיין נאָמען לאָמיר דאָ אין ברודערשאַפט דערמאָנען.
הערי, דערלאַנג צו גרויסע גלעזער יעדן איינעם.

דער וועיטער

(ברייננט פולע גלעזער)

א ברודער אז ער פאַלט, קומט אים א גרויס גלאָז.

(אַלע שטעלן זיך אויף, הייבן אויף די גלעזער אין דער הייך, די פּנים'ער ערנסטע, שווערע.)

שאָטלענדער

פאַר דעם וואָס האָט דעם חוב שוין אָפּגעצאָלט.

אַלע

פאַר דעם וואָס האָט דעם חוב שוין אָפּגעצאָלט.

סלאַוו

פאַר די וואָס דאַרפן צאָלן.

אַלע

פאַר די וואָס דאַרפן צאָלן.

פּאָפּוגאַי

כי־כי־כי־י־י.

שאָטלענדער

און איצטער, פרוי, זוך אויס אַן אַנדערן.

פרוי

זיין בלוט נאָך פון די פיס נישט אָפּגעוואַשן.

סלאַוו

און אפן סקעפּאָלד איז אַן אַנדערער געשטאַנען

נאָך איידער ס'בלוט פון שטיינער אָפּגעוואַשן.

פרוי

איך לאַכט פון מיר און מיין צעווייטיקט האַרץ.

כינעזער

(רוקט זיך צו צו דער פרוי, ציט זיך אויס אויסצוקוקן גרעסער).

כיכי־כי, אַן אַנדערן.

נעגער

(שטויסט אָפּ דעם כינעזער און שטעלט זיך לעבן דער פרוי)

מיר זענען אַלע ברידער.
די ווייסע צאָלן ווי די שוואַרצע.

סלאַוו

און איך וועל דיך מאַרוסיא רופן,
ווי ס'זינגט זיך אינם ליד פון סטעפּעס.

שאַטלענדער

ס'איז פריי פאַר דיר זיך אויסצוקלייבן
און ברייננגען פרייד צו איינעם דאָ פון אונדז.

אַלע

(שטעלן זיך אויס אין דער ריי)

פרוי

נישט איינעם נאָר פון אייך, נאָר אַלע.
איין ברודערשאַפט מיט אייך.

שאַטלענדער

די פרוי פון אונדזער ברודערשאַפט,
ווי זאָלן מיר דיך רופן ?

פרוי

איר קאָנט מיך רופן פשוט:
די פרוי פון אונדזער ברודערשאַפט.
און פשוט'ער וועט זיין:
די פרוי.

סלאַוו

פאַרוואָס נישט רופן דיך באַם נאָמען ?

נעגער

אַ נאָמען מאַכט דיך נעענטער
און פרוי אליין, — אַז אַלע זענען פרויען.

פרוי

מיין נאָמען איז נישט אַלעמאָל דער אייגענער,
געווען אַזוי, דערנאָך געוואָרן אַנדערש.

ווי איינער האָט געוואָלט,
ווי ס'האָט געקלונגען צו זיין אויער בעסער,
אַזוי האָט ער מיך גערופן.
און איצט, אַז איך בין אַלעמענס געוואָרן,
וועט זיין מיין נאָמען פשוט: פרוי.

איטאַליענער

אַז איך וועל קומען פון די קאַסטנס מיסט,
וועט מיך די פרוי פון אונדזער ברודערשאַפט
באַגעגענען מיט שיין אין אירע אויגן און אַ שמייכל.

כינעזער

די פרוי וועט מיך פאַרשלעפערן ווי אָפּיום
און זען וועל איך מיין ווייטע היים.

סלאַוו

און איך וועל רופן די פרוי מאַרוסיאַ
און זי וועט זיין נאָר מיינע מיט דעם נאָמען.

שאָטלענדער

הערי, צו גרויסע גלעזער פאַר דער פרוי פון אונדזער ברודערשאַפט.

הערי

(ברייננגט די גלעזער)

אַלע

(די גלעזער אויפגעהויבן איבער די קעפּ)
מיר טרינקען פאַר דער פרוי פון אונדזער ברודערשאַפט.

פרוי

(בלייבט זיצן אָפּגעזונדערט)
און ער איז יונג געווען.
נאָך נעכטן האָט ער מיך געפירט צו זיך אין קעלער.
אַ גאַנצע נאַכט געווען מיט אים.

סלאוו

איז וואָס זשע דאָ צו טרויערן, מאַרוסיא?
מיין קעלער האָט אַ שטרוי־געלעגער
און מיין נאַכט שלאָגט אויס די שעה'ען
ווי זיינע האָט זיי אויסגעשלאָגן.

כינעזער

און מיין געלעגער וועל איך איבערציען.

גריך

און פּאָרט טוט וויי וואָס יונג איז ער געווען.

שאָטלענדער

אודאי טוט עס וויי,
אַ ברודער פון דער ברודערשאַפט
און מאָרגן איך, און דו, און ער.

סלאוו

ניין, ברודער, זיכער בין איך מיט מיין מאַרד,
פאַר מיר איז אָנגעגרייט אַן אנדער סוף:
דערשטיקט צו ווערן אין דער פייכטקייט פון אונטער־ערד.

כינעזער

און מיינער? אַ טעלער אין דער שלייף?
פּאַסקודנע אַזאַ סוף.

איטאַליענער

און צווישן מיסט איז שענער?

פרוי

און איך וועל איצט באַוויינען אַלע,
ווייל כ'בין איצינד די פרוי פון אייער ברודערשאַפט.

נעגער

מיך האָט קיין ווייסע פרוי נאָך קיינמאָל נישט אַרומגענומען.

פרוי

און איך וועל דיך אַרומנעמען.

און יעדן איינעם דאָ פון אייך, פון אייער ברודערשאַפט.

(נעמט אַרום דעם נעגער)

נעגער

(צעזוויינט זיך)

אַצינד איז מיר גוט.

סלאַוו

און איצטער מיך, מאַרוסיא.

כינעזער

און ס'געלע פּנים מיינס וויל אויך אַ קוש.

גריך

איך וואַרט און ס'ציטערט מיר דאָס האַרץ.

שאַטלענדער

און איך וועל זיין דער לעצטער.

פרוי

(נעמט אַרום אויגנציקווייז די מענער, קושט זיי)

כ'האָב קיינמאָל נישט געוואוסט צו וואָס

די אויגן מיינע ברענען.

צו וואָס מיין ליבּ איז ווייס און ס'ציטערן די בּרוסטן.

און איצטער ווייס איך.

(הייבּט זיך אָן צו דרייען אין אַ שטילן טאַנץ)

פון דיר צו דיר,
פון לייב צו לייב,
אַז גוט איז מיר
צו זיין דאָס ווייב.

ס'איז אויפגעפּראַלט
מיין גאַנצע פרייד,
מיין יוגנט שטראַלט
ווי זון אַף בּייט.

אַלע

(טאַנצן נאָך דעם טאַקט פון דער פּרוי'ס געזאַנג)

זייגער

(שלאָגט צוועלף)

פּאָפּוגאַי

(קלאַפּט מיט די פליגלען אין שטייג)

קעצל

(שפּרינגט ארויס פון קאונטער און דרייט זיך אין ראָד)

ראַדיאָ

Good night.

אין בוך:

זייט

דער רויטער פאַדים — 5

אַ פריילאַך לעבן — 10
נייעס — 11
צום שטול פון טויט — 13

פרויקע לאַזער שוחטס

זשיאַנע — 15
דער ליטוועק — 19
בלוט־געשריי — 21
יידיש — 24
יידישע קינדער — 25
אַרטשאַרד סטריט — 26
אָפענע טירן — 28
אין שטומען הויז — 30
קראַנקע שעה'ען — 31
אין בלויען רויך — 33
ביל איז נישט צוריקגעקומען — 34
דאָס עלנטע שטיבל — 36

אין שאָטן פון באַערי

באַערי — 39

אַז אַ מענטש איז מיד

1 — 40
2 — 41
3 — 43

דאָס ליד פון פינעפאונדרייסיק געזאַנגען — 45
אַ שעה אינמיטן טאָג — 47
אין על — 50
דרייו — 51
דער פרעמדער — 52
רויטע רויזן — 53
פאַרלוירענע — 55
אין ווינטער־פּאַרק — 56
סאָבעטן־רינג — 59
ווירבלראָד — 74
הערי שעילפן — 77

ווידערקולן

ווידערקול — 93
דיטריך און איזעלינא — 94
דער באַרג פון ליכט — 97
אבשלום — 99
דער פאַסטעך טימאָפעי — 101

טילטאן

א. — 107
ב. — 107
ג. — 108
ד. — 108
ה. — 109
ו. — 110
זיבעציקער — 111
אַ ייד פון בערשאד — 112
אַ שרפה — 119
אברהם בן זאבאר — 127
פון אונדזער ברודערשאַפט — 145